NOAH COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00002

VUNDER IBER VUNDER

Mani Leib

Permanent preservation of this book was made possible by
Baruch & Claire Cohon
in memory of
Dora Stollman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאני לייב
וואונדער
איבער
וואונדער
לידער באלאדן מעשהלאך
געצייכנט פון ב. קאפמאן

ארויסגעגעבן
פון
ארבעטער רינג
PUBLISHED BY
ED. DEP. of
WORKMEN'S CIRCLE
175 E. B'WAY N.Y.
1930

Copyright 1930 by the
Workmen's Circle, N. Y.

266



אַ מעשה וועגן זיך . . .

אין אוקראַינע איז דאָ אַ שטאָט ניעזשין וואָס האָט גע׳שם׳ט מיט אירע בלאָטעס, ווערבעס, רייכע טאַבאַק־סוחרים, פערד־הענדלער און פערד־גנבים. די שטאָט האָט אויך גע׳שם׳ט מיט הייליקע קברים־שטיבלאַך פון צדיקים, מיט אירע שוסטער שיכורים, מיט איר ווייסן, גרויסן ליצײ, וואו גאָגאָל האָט גע־לערנט און מער פון אַלץ — מיט אירע געזאַלצענע אוגערקעס.

שיין איז געווען די שטאָט ניעזשין!

שיין מיט אירע ערב־פּסח׳דיקע און נאָך־ימים־נוראים׳דיקע בלאָטעס וואָס לאָזן זיך פאַנאַנדער ביז אַריבערן גאַרטל, אָבער נאָך שענער איז די שטאָט געווען ווינטערצייט, ווען די שנייען וואַקסן אָן ביז אַריבער די שטרויענע דעכער, הויך ביז צו די קוימענס אַרויף.

האָבן אין דער שטאָט ניעזשין געלעבט אַמאָל אַ איד מיט אַ אידענע וואָס האָבן געהאַט אַכט קינדער. געוואוינט האָבן דער איד מיט דער אידענע אין אַ קליין, קליין שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך. דער איד מיט דער אידענע זיינען געווען איידעלע און עהרלאַכע מענטשן, נאָר גרויסע אָרימע־לייט. יעדן טאָג פלעגן זיי אויפשטיין באַגינען און אַוועקלויפן אין מאַרק אַריין האַנדלען און וואַנדלען. דער איד האָט גע־האַנדלט מיט פעל. גוים ברענגען אויפן מאַרק אַלערליי פעל, קויפט זיי דער איד אויף און פאַרקויפט זיי דערנאָך צו דעם רייכסטן הענדלער פון שטאָט. די אידענע האָט געהאַנדלט מיט גענז, הינער און אייער. אַלע אין דער פרי איז זי אַרוים אין מאַרק מיט אַ גרויסן ליידיקן קויש, און אַז זי איז צוריק געקו־

מען פֿאַרנאַכט, איז דער קויש געווען אָנגעלאָדן מיט קאַרטאָפֿל. ברויט און געפּרווירענע עפּל.

און אַז די קינדער זיינען אין אָוונט אַהיים געקומען פֿון חדר, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו די קאַרטאָפֿל מיטן ברויט ווי צו אַ טייערן מאכל און פֿאַרביסן מיט אַ געפּרווירענעם עפּל. אָפּגעגעסן, דאַרף מען דאָך גיין שלאָפֿן, פֿלעגט דער טאַטע די גרעסערע קינדער לייגן אויף דער ערד, און די קלענערע אין דעם ברייטן, רויטן בעט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. פֿאַר די גרעסערע קינדער האָט דער טאַטע אויסגעשפּרייט אויף דער ערד צוויי קוליעס שטרוי און איבער די קוליעס שטרוי האָט ער פֿאַרשפּרייט אַ גראָבע פּלאַכטע, און צוגעדעקט האָט ער די קינדער מיט זיין שווערן שאָפּענעם פּעלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט שווייס, טאַבאַק און מיט דרויסן.

ביז די קינדער זיינען איינגעשלאָפֿן און נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין אַנשלאָפֿן געוואָרן, פֿלעגן טאַטע-מאַמע נאָך לאַנג זיצן ביים לעמפּל, ביים אָפּגעקילטן סאַמאָוואַר און ריידן פֿון זייער מזל און וועגן אַ תּכלית פֿאַר די קינדער. אויפֿן טיש איז געווען אָנגעשאָטן אַ הויפֿן פֿאַרשימלטע קופּערנע מטבעות און מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער פֿלעגן זיי ציילן די מטבעות, קוקן איינער אויפֿן צווייטן און שמייכלען צופֿרידענע. נאָר אָפֿט פֿלעגט טרעפֿן אַז זיי האָבן ניט געשמייכלט און איינער אויפֿן צווייטן ניט געקוקט, נאָר פֿאַרטרויערטע האָבן זיי אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל און זיך געלייגט שלאָפֿן אין דעם ברייטן רויטן בעט, וואו די דריי קלענערע קינדער זיינען שוין לאַנג איינגעשלאָפֿן.

אַז טאַטע-מאַמע גייען אַוועק פֿון שטיבל אויף גאַנצע טעג, איז ווער-זשע גיט אַכטונג אויף די קינדער? קיינער גיט ניט אַכטונג אויף די קינדער. האָבן זיי אויף זיך אַליין אַכטונג געגעבן. די גרעסערע אויף די קלענערע און די קלענערע אויף די נאָך קלענערע און קיין בייז אויג האָט זיי חלילה ניט געשאַט. זיי זיינען געוואַקסן געראָטענע, האָבן גע-

האָט גוטע קעפּלאַך און זײַנען געווען די בעסטע תלמידים אין חדר. מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת, אַז זיי זײַנען אויך געווען די גרעסטע קונדסים און שטיפערס אין שטאָט. גייט מען שווימען איז מיט זיי פול דער טײַך. גייט מען רײַסן עפּל אין פרעמדע סעדער, זײַנען זיי די ערשטע צו קלעטערן איבער די פּלויטן, און זיי פאַרפירן געשלעגן מיט שקצים, גיבן קלעפּ און כאַפּן קלעפּ און די שטאָט איז פול מיט זיי. דאָס איז זומער לעב.

ווינטערצײַט זײַנען זיי די ערשטע גליטשער אויפן אײַז, די בעסטע פעטער־שנייער מאַכער, די גרעסטע כוואַטן באַרג־אַראָפּ־פליהער אויף שליטלאַך אָדער אויף שטיקער אײַז אנשטאָט שליטלאַך. די קינדער זײַנען אויך געווען גרויסע בריות צו רײַטן אויף פערד. אַזוי פאָרן רײַטנדיק אויף פערד ווי זיי האָט קיין שום אינגל אין שטאָט ניט געקענט. דאָס האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער זיידן ר' אשר, וואָס איז געווען אַ פערד־הענדלער.

צו די אַלע מעלות זײַנען די קינדער נאָך געווען גוטע זינגערס, די בעסטע משוררים ביי די שטאָט־חזנים. זינגען האָבן זיי זיך אויסגעלערנט ביי זיך אין שטיבל. ווייל פון זינט זיי האָבן געדענקט האָט דאָס שטיבל געזונגען. אין אַ שבת אָדער אַ יום טוב ווען זייער מאַמע האָט נאָר געקענט אָן אויסגערוטע זיך אַוועקזעצן אויף אַ שעה, האָט זי זיך באַלד פאַנאַנדערגעזונגען. דער טאַטע, וואָס אַליין האָט ער זיך גע־שעמט צו זינגען, פלעגט דאַ לאָזן אָפן דאָס ספר, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויפן טיש, אָנשפּאַרן דערויף זײַן עלנבויגן, און דעם קאָפּ אויף דער האַנט, און שמייכלען אַ גליקלאַכער און צופרי־דענער. און אַז דער טאַטע האָט געשמייכלט האָבן די קינדער זיך דערפילט פריי און גרינג און וואַרעם און זיך באַלד אַוועק־געלאָזט זינגען אינאיינעם מיט דער מאַמען. די גאַנצע גאַס פלעגט דעמאָלט קומען צולויפן און זיך שטעלן אונטער זייער פענצטער.

און אַז דער שבת איז אַוועק און ס'איז גע־קומען דער שבת צו נאַכט, האָבן זיך צו זיי אין שטיבל פאַר־קליבן טרינקען טיי אַלע גוטע פריינט דעם טאַטנס: די שכנים, קצבים, באַלעגאַלעס, פערד־הענדלער און בעטלער. פלעגט מען זיצן ביים קאָכעדיקן סאַמאָוואַר, טרינקען טיי און דערציילן זיך שרעקלאַכע מעשיות פון גזלנים, וועלף, מתים, מכשפים, מכשפות און יתומות. די קינדער פלעגן זיצן מיט אָפענע מיי־לער, איינזאַפּן אין זיך די אַלע שרעקלאַכע מעשיות, דערביי ציטערן און דאָך האָבן אַ ווילדע הנאה און ניט ווען גיין שלאָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין.

אַזוי האָבן געלעבט דער איד מיט דער אידענע און אַזוי זיי־נען געוואַקסן זייערע קינדער. און אַז זייער בחור, דער עלט־סטער אינגל זייערער, איז אַלט געוואָרן עלף יאָר, האָבן טאַ־טע־מאַמע אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַר זיינט־וועגן. דער טאַטע האָט געוואָלט ניט אַנדערש, נאָר אַז זיינע קינדער זאָלן ווערן באַלמעלאָכעס. „אין מלאכה איז די מזל־ברכה", פלעגט ער זאָגן, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַזוי איז געווען. אין מיטן מאַרק האָט געוואוינט אַ קאָמאַשן־שטע־פער, וואָס פאַר זיין שטוב איז געהאָנגען אַ גרויסע בלויע שילד מיט אַ געמאָלאַכן פון אַ מאַשין, וואָס האָט אויסגעזען ווי צוויי פלעשער. רעכטס אַ גראָבע פלאַש און לינקס גאָר אַ דין פלעשל, און אויפן דינעם פלעשל איז געווען אָנגעטאָן אַ קאַמאַש אָן זוילן און אָן אָפּצאַסן. דעם אינגל איז די שילד שטאַרק געפעלן געווען. איז איינמאָל אין אַ בייטאָג האָט דער טאַטע גענומען זיין עלטסטן עלף־יאָריקן אינגל פאַר אַ הענטל, אים אַוועקגע־פירט צו דעם קאָמאַשן־שטעפער און דאָרטן איבערגעלאָזט אויף צוויי מיט אַ האַלבן יאָר, ער זאָל זיך דאָרטן אויסלערנען שטעפן אויף יענער מאַשין מיט די צוויי פלעשער און ווערן אַ לייט.

דאָס ערשטע וואָס דאָס אינגל האָט אָנגעהויבן לערנען ביים שטעפּער איז געווען ווי אַזוי צו שלעפּן פאַר דער באַלעבאָסטע די שווערע קוישן פון מאַרק, וויגן אירע קינדער, טראָגן וואַסער פון ברונען, קערן דאָס הויז און לויפן אין מיטן נאַכט זוכן דעם באַלעבאָס, וואָס האָט זיך ערגעץ ביי אַ פריינט פאַרשפּילט אין קאָרטן. וואָרים זיין באַלעבאָס האָט זייער ליב געהאַט צו שפּילן אין קאָרטן. דער באַלעבאָס האָט אָבער אויך ליב געהאַט צו לייענען ביכלאַך. ביי זיך אין הויז האָט ער טאַקי געהאַט שטיין גאַנצע שאַפעס מיט ביכער. און אַזוי האָט זיך דאָס אינגל אין די צוויי און אַ האַלב יאָר אויסגעלערנט פון זיין באַלעבאָס דריי זאַכן: שטעפּן קאַמאַשן, לייענען ביכלאַך און די מיאוסע טבע — שפּילן קאָרטן.

דעם אמת געזאָגט האָט זיך דאָס אינגל דאָרטן אויסגעלערנט נאָך צוויי זאַכן: — גנב'ענען ברויט ביי דער באַלעבאָסטע וואָס איז געווען אַ קאַרגע, און פון באַלעבאָס — ריידן אין גראַמען. ווייל וואָס דער באַלעבאָס פלעגט ניט ריידן פלעגט ער עס תמיד מוזן זאָגן אין גראַמען. צוריק גערעדט זיי־נען אייגענטלאַך גראַמען פאַר דעם אינגל קיין נייס ניט גע־ווען. פון גראַמען האָט ער געוואוסט נאָך פון דער היים. וואָרים זיין מאַמע האָט אויך אַמאָל ליב געהאַט צו ריידן אַזעל־כענע ווערטלאַך אין גראַמען. אירע גראַמען זיינען געווען איידעלער ווי די פון זיין באַלעבאָס. פון דער מאַמעס ווערט־לאַך אין גראַמען פלעגט מען לאַכן און אַלע האָבן זי טאַקע ליב געהאַט דערפאַר. דעם באַלעבאָס' גראַמען אָבער פלעגן אָפט באַליידיקן, אויסמאַטערן און דערעסן. דאָס אינגל האָט זיך אָבער פון זיין באַבעלאָס אָפּגעלערנט שטענדיק צו ריידן אין גראַמען. מיט די עלטערע באַלמעלאָכעס, מיט דער באַלע־באָסטע, מיט די קונדן שוסטער, וואָס פלעגן ברענגען שטעפּן קאַמאַשן, מיט זיינע ברידערלאַך, מיט אַלעמען נאָר ניט מיט זיין טאַטן. מיט דער מאַמען פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן אין אַ פרייער שעה זיך אָנהויבן איבערוואַרפן מיט ווערטלאַך אין גראַמען, אַזוי אַז דאָס גאַנצע שטיבל פלעגט קייכן פון געלעכ־

טער. אָבער אַנטקעגן דער מאַמען פלעגט דאָס אינגל בלייבן הינטערשטעליק. ווייל דער מאַמעס ווערטלאַך פלעגן זיך גאָר קיינמאָל ניט אויסשעפּן. דערפאַר אָבער האָט זיך שוין דאָס אינגל אויסגעלערנט צו פאַרשרייבן אין גראָבע העפטן אַלע זיינע אייגענע גראַמען אויסגעלייגט אין לידער, און האָט עס געהיט ווי זיין אויג אין קאָפּ.

אַזוי האָט געלעבט דאָס אינגל ביז עס איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר. צו פופצן יאָר האָט דאָס אינגל שוין גע־האָט דורכגעלייענט אַ סך ביכלאַך, אידישע און רוסישע. אַ באַלמעלאָכע איז ער געוועזן אַ גוטער, האָט גע׳שמ׳ט אין שטאָט פאַר אַן איידעלן בחור, פאַר אַ בריה און האָט זיך שוין גע׳חבר׳ט מיט די געלערנטע יונגעלייט פון שטאָט.

האָט געטראָפן אַז זיין באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זיי־נען איינמאָל אין אַ נאַכט אַנטלאָפן קיין אַמעריקע מיט געלט וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט אין שטאָט. און די גאַנצע שטעפּעריי מיט די מאַשינען און די בלויע שילד זיינען געבליבן אויף הפקר. האָט דאָס אַלץ אונזער אינגלס טאַטע איבערגענומען און געוואָלט, אַז זיין זון, זיין געראָטענער בחורל, זאָל ווערן אַ פאָלנער באַלעבאָס. דאָס בחורל האָט ניט געוואָלט, נאָר דער טאַטע האָט אים געגעבן פּעטש, איז ער געוואָרן אַ באַלעבאָס מיט מאַשינען און מיט באַלמעלאָכעס. און ער האָט אַזוי לאַנג געבאַלעבאַטעוועט, ביז אין שטאָט איז פון ערגעץ ווייט אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, אויך אַ קאַמאַשנשטעפּער. די צוויי יונגעלייט זיינען געוואָרן חברים, האָבן שפּאַצירט אי־ניינעם און איניינעם געלייענט ביכלאַך, און פון די ביכלאַך און די שמועסן מיט דעם חבר האָט זיך אונזער בחורל דערוואוסט, אַז ערגעץ אין די ווייטע שטעט מאַכן באַלמעלאָכעס סטאַטש־קעס, סטרייקס, און אַז מען וויל ניט קיין קייסער.

דעם בחורל איז דאָס געפעלן געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער צונויפגעקליבן אַלע באַלמעלאָ־

כעס פון שטאט און האט מיט זיי געמאכט א סטרייק און איז געוואָרן א גאַנצער פירער. ער האָט אָוועקגעוואָרפן זיין שטעפּערייַ מיט די מאשינען, און אים האָבן שוין ניט געאַרט די טרערן פון טאטע-מאמע און אויך ניט זייערע סטראשונקעס — ער איז געוואָרן א גאַנצער מאכער. א באַלעבאָס צו זיין איז געווען ביי אים זייער א מיאוסע זאך. ווייל ער האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, אז אַלע באַלעבאַטים לעבן פון פרעמדן שווייס. בקיצור דאָס בחור׳ל האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן און אָנגעהויבן אַרומלויפן גאַנצע טעג און נעכט מיט בחורים, מיידלאך און סטודענטן, פון וועמען ער האָט זיך אויך דער־וואוסט, אז זיינע גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער, רופט מען פּאָעזי און אז ער איז א פּאָעט. אזוי האָט ער געקראָגן דעם צונאָמען פּאָעט און אונטער דעם נאָמען „פּאָעט" האָט ער כסדר געמאכט סטרייקס, געבונטעוועט קעגן דעם קייסער, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה.

אין תפיסה איז אים געווען גוט ווי די וועלט. ערשטנס איז געווען א כבוד צו זיצן אין תפיסה פאַר אזא זאך ווי מאכן סטרייקס און בונטעווען אַנטקעגן דעם קייסער, און צווייטנס האָט ער אין תפיסה געשריבן א סך גראַמען, אויס־געלייגט אין לידער, און אַלע חברים וואָס זיינען געזעסן מיט אים צוזאמען, האָבן די לידער געזונגען און שפּעטער זיי אַרויס־געטראָגן אויף דער פריי, וואו מען האָט זיי געזונגען איבער דער גאַנצער שטאָט און אפילו אין אַנדערע שטעט.

אין תפיסה איז אונזער בחור׳ל געזעסן פון די ערב-פסח׳דיקע בלאָטעס ביז די נאָך-ימים-נוראים׳דיקע. אינ־גיכן אָבער וואָלט ער א צווייטן מאָל געדאַרפט געווען גיין אין תפיסה אַריין, און דאָ האָט זיך אונזער בחור, דער גאַנצער קנאַ־קער, אַרויסגעדרייט און אַנטלאָפן. אַנטלאָפן פון זיין שטאָט און פון זיין לאַנד און איז בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָ אין אַמעריקע האָט ער זיך אָוועקגעזעצט ביי פונקט אזא מאשין מיט צוויי פלעשער און ווידער אָנגעהויבן צו שטעפּן קאַמאַשן. האָט

דאָ פּאַרדינט געלט, אַראָפּגעבראַכט אהער קיין אַמעריקע זיין טאַטע־מאַמע, חתונה געהאַט, געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ ביסל פרייע צייט האָט ער געשריבן גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער.

און דאָס בחורל מיט וועמען דאָס אַלץ האָט גע־טראָפן, דאָס בין איך

מאַני לייב

לידער
באַלאַדן
מעשהלאַך

וואונדער

וואונדער איבער וואונדער,
אומעטום, אין אַלץ!
אין אונזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונזער ווייסן זאַלץ.

און אין דעם בלויען וואַסער
וואָס שטילט דעם דורשט אונז איין.
און אין דעם רויטן פייער
וואָס וואַרעמט אונז מיט שיין.

און אין דעם קינדס געלעכטער
וואָס הילכט פון מאַמעס שויס,
און אין די קליינע קינדער
וואָס וואַקסן גרויסע אויס.

אַי, וואונדער איבער וואונדער
וואונדער אָן אַ שיער!
און פון די אַלע וואונדער
קינדער, זינגען מיר!



אַ מאָרגן ליד

גוט מאָרגן, שיינער טאָג!
גוט מאָרגן און גוט יאָר!
קומט דער נייער טאָג —
חלום אויפן וואָר.

אויגלאַך אָפענע —
ווידער אין דער היים.
בעקלאַך גאָלדיקן —
עפּל אויפן בוים.

וואַסער לויטערע
שוויינקט די קליינע הענט,
פייער זוניקער
אויפן אויוון ברענט.

אויפן גרייטן טיש
שטייט פון אַלעם גרייט:
מילך ווי ווייסער שניי,
האָניק זים און רויט.

מיט אַ פולן מויל
זעץ זיך נאָר און עס!
נעמען מאָלן צייַן
קלינגען די געפעס.

דער מאַי

די אַלטע באָבע שמייכלט
פון דער גאָלדענער זון פאַרבלענדט,
און פאַרשטעלט זיך די אַלטע אויגן
מיט די געלע, געקנייטשטע הענט.

זי מורמלט מיט גוטע ליפּן
און קנייטשט ווי אַ קינד מיט דער נאָז:
דער מאַי מיט די טויזנט זונען
קומט פאַר קינדער, רינדער און גראָז!

פרילינג

קינדער אויף די גאַסן,
טויבן אויף די דעכער.
ווינטן אין דערלופטן
וואַרימען און דופטן
מיט מיליאַסן פעכער.

דופטן אין דערלופטן —
שעפּ מיט פולע עמער! —
און אין הימל גייען
אין די ווייסע רייען
וואָלקנדלאַך ווי לעמער.

אַ זון מיט אַ רעגן

מיט די זילבערנע פּיסלאַך,
ליכט, לייכט און לינד
האָט געטאַנצט דער רעגן
מיטן גאָלדענעם ווינט.

האָט געטאַנצט דער רעגן
אין זיין העלער קרוין
איבער ליכטיגע גאַסן —
איבער עלפנביין.

און פאַרשפּרייט ווי אַ פּאַווע
ווייט, הויך אַוועק,
איבער פאַרביקע דעכער
זיין פילפאַרביקן עק.



נאָך אַ רעגן

לעצטע טראָפּנס רעגן
פינקלען אויף די שויבן,
וואַסערלאַך פון דעכער
רינען דורך די טרויבן.

וואַסערלאַך ביים גאַניק,
ווי אַ בלויער שפיגל,
טרייסלט זיי אַ ווינטל
מיט זיין דינעם פליגל.

און צום בלויען שפיגל
קלייבן זיך צוזאַמען,
זיבן ווייסע הענער
מיט די רויטע קאַמען.

אַ לידל

ניט קיין וואָלקן איבער לאַנען
ציען ווייסע קאַראַוואַנען; —

נאָר דאָס פליען ווייסע טויבן —
רויטע שיכלאַך, בלויע הויבן,

פליען, זינקען און פאַרזינקען,
פליען בלויע וואַסער טרינקען.

ניט די ווייסע טויבן ברומען, —
גלעקלאַך זיינען אָנגעקומען:

גלעקלאַך, לעמער, ציגן, רינדער,
און אין ווייסע העמדלאַך קינדער,

ווייסע, ווילדע קאַראַוואַנען,
קומען לאַכן אויף די לאַנען.

זומער

אויפן הימל — וואָלקנדלאַך־פאַרבן.
אין די פאַרבן וואָלקנדלאַך שטאַרבן.

אויף די פעלדער — גאָלדענער קאָרן.
פון דעם קאָרן — שאַלט העל אַ האָרן.

יעגער גייען. יעגער הינט בילן.
זוניק, פריידיק. און ס׳קנאַקן די גרילן.

שטורעם

אין זיין שווארצן וואָגן
מיט די גרויע פערד,
פאָרט פאַרביי דער שטורעם
איבער אונזער ערד.

פייערדיקע לייצעס
האלט ער אָנגעשפּאַנט
און אַ בייטש פון פייער
האלט ער אין זיין האַנט.

וויאָ! די שווארצע רעדער
רודערן פאַרביי,
אַז נאָר וווינטן לויפן
מיט אַ פייפעריי.

און ווי ווילדע הירזשען
זיינע גרויע פערד,
אַזש פון זייער הירזשען
ציטערט אַפ די ערד.

טפרו! אויף בלויע ים׳ען
בלייבט דער שטורעם שטיין,
גיט די פערד צו טרינקען
און ער טרינקט אַליין.

טרינקט זיך אָן דער שטורעם,
ווישט די ליפּן אָפּ,
און ער גיט אַ טרייסל
מיט זיין גרויסן קאָפּ.

נאָר די פערד, די ווילדע
טרינקען נאָכאַנאַנד:
פילן ניט די לייצעס
אין דעם שטורעמס האַנט.

וויאָ! די בייטש פון פייער
פלאַקערט ווי אַ בליץ:
און די פערד, די גרויע
מיט די עקן־שפּריץ! —

טרייסלען מיט די גריוועס,
דיבאָם זיך געשטעלט!
און — אַ שטורעם רעגן
פליייצט אויף גאָר דער וועלט.

דער שמעטערלינג

אויף מיין קאַלטן שוואַרצן פינסטער
שוועבט אַ שמעטערלינג אַרום,
צאַפּלט זיך, און בעט זיך שטום
צו מיין לעמפּל, צו מיין לעמפּל.

קאַלט און פינסטער איז דער אָונט,
און די נאַכט וועט פינסטער זיין, —
קום מיין שמעטערלינג אַריין,
צו מיין לעמפּל, צו מיין לעמפּל!

גאָטס בהמה׳לע

איך בין גאָטס בהמה׳לע, קליין קליין,
אַ טראָפּן זון אין פלעקן.
מיין הויז — דער הימל אין זיין קרוין,
מיין לעמפּל — זון אַ בעקן.

מיין טיש — דאָס גרעזל וואָס פאַרגרייט
מיין זיסן ברויט מיט פּוטער.
מיין בעט — די ערד וואָס עפנט ברייט
איר הייסן, גרויסן פוטער.

אַן עפּל

איך ביים מײַנע צײַן אין אַן עפּל,
אַ ווייניקן און אַ געשמאַקן;
שמעקט מיר פון עפּל דער זומער
מיט די גערויטלטע באַקן,

מיט ווינטן און דופט אין די קליידער,
מיט אויגן — ווי בלויע קאַראָן,
און מיט די האָר ביז די אַקסלען
גרינלאַך און גאָלדיק ווי קאָרן.

דער האַדסאָן

אָוונט אויפֿן האַדסאָן. לייכטע וואָלקן גייען
בלוי און גאָלדיק בלייך;
גרויסע שיפֿן שניידן. שיפֿלאַך גייען-שטייען,
אין אַ שוים ווי רויך.

און פֿון ווייסן רויך—די פֿייערלאַך סיגנאַלן
פֿינקלען גרין און העל:
שטרייכן אין די ווייטן, ציטעריקע פֿאַלן
אויף דער בלויער וועל.

און די פּאַליסאַדן, גרויע, בלויע שטייען,
קריכן אין דער הויך.
אויבן, — די לבנה; וואָלקן שטייען-גייען
אין לבנה רויך.

ביים ים

דער ים איז אָפֿן ברייט און טיף.
איך שטיי ביים ים אַליין.
איך זע פֿון ברעג דאָרט ווייט אַ שיף
אין ווייטע לענדער גיין.

איך קוק איר נאָך. די זון פֿאַרגייט.
דער נעבל וואַקסט. דער ווינט
מיט נאַכט און קעלט אין פּנים ווייט.
די ווייטע שיף פֿאַרשווינדט.

דער ים ווערט פֿינסטער, גרויס און טיף
און רוישט ביי מיינע פֿיס. —
אַ גוטע נאַכט, הײ, ווייטע שיף,
אין ווייטע לענדער גריס!



דער ים אין לבנה-שיין

ווייט און ברייט אין אָפן
ווייט דער נעבל קיל.
גאָלדיק, בלוי און שטיל
ווערט דער ים אַנטשלאָפן.

גאָלדיק-בלוי געצונדן,
אויף דער ווייטער טיף
שווימט אַ זעגל-שיף,
שווימט, און ווערט פאַרשוואונדן.

ווי אַ האַלבער האָרן
די לבנה, הויך,
עלנד, קאַלט און בלייך
קוקט אין ים פאַרלאָרן.

ווייסע פליגל

ווען די קינדער ליגן
אין די ווייסע וויגן,
און דער מאַמעס מעשיות
זינגען און פאַרוויגן, —

שאַרכען ווייסע פליגל
ביי דער טיר, ביים ריגל,
ביי דעם הויכן באַלקן
און אין בלויען שפּיגל.

און פון בלויען שפּיגל,
פלאַטערן זיי ווייסע
אויף דער מאַמעס אַקסלען,
פון דער שיינער מעשה.

אַן אָוונטליד

אָוונט, שטילער אוונט,
ווי אַ וואַנדערער אין שטויב
מיט אַ תּפילה און מיט לויב,

מיט זיין שטעקן אין דער האַנט
קערט צוריק זיך צו זיין לאַנד, —

ווי די קו באַם לעצטן שטראַל,
קומט פון פעלד צוריק אין שטאַל, —

אָוונט, גוטער אָוונט ! —
יעדער מענש וואָס טוט און טראַכט,
האָט זיין טאָג אין מי פאַרבראַכט, —

צו דיין שטילקייט פאַלט ער צו,
אין דיין גוטסקייט איז זיין רו, —

אָוונט, ליבער אוונט, —
וויגסטו אים אין שטילקייט איין
ביים לבנה'דיקן שיין

אוונט, שטילער אָוונט, —
ביז אין נייעם טאָג אַריין !

אין אָוונט

אוי, דער הייסער טאָג פאַרגייט,
און דער קילער אָוונט ווייט,
און מיין קינד פאַרמאַטערט שטייט
נאָענט פאַר מיין טיר;
— קום מיין קינד צו מיר! —
שטייט מיין טיש מיט מילך און ברויט
אָנגעגרייט פאַר דיר.

די לבנה שווימט אַרויס
קיל און אומעטיק און גרויס;
עסט מיין קינד און גרויס און הייס
רינט אַראָפּ זיין טרער.
— קום מיין קינד אַהער! —
לייג דיין קאָפּ צו מיר אין שויס
און אַנשלאָפֿען ווער!



פאַרנאַכט

פאַרנאַכט, ווען די זון איז פאַרשוואונדן,
האָט עפּעס אַ מענטש מיט אַ הויקער
ביים ראָג דעם לאַמטערן געצונדן,
און איז אין די גאַסן פאַרשוואונדן.

און שרייענדיק, האָבן די קינדער
געטאַנצט אין דעם שיין פון לאַמטערן;
פאַר זיי האָט אַ בעטלער אַ בלינדער
געשפּילט אויף זיין אַלטינקער פידל . . .



אין קאַצנלאַנד

אײן קעצל שפּילט פידל,
אײנע פויק, אײנע באַס.
און אַ קעצל אויף אַ רידל
מאַכט אַ וואַרע אויפן גאַס.

און עס גייען קעצלאַך — זעלנער
ריי נאָך ריי, ריי נאָך ריי:
ווייסע מיצלאַך, שוואַרצע קעלנער;
און אַן שטיוול גייען זיי.

דרייצן קעצלאַך, אונטערטעניק,
אין אַ רייטוואָגן געשפּאַנט,
פירן זייער שטאָלצן קעניג
דורכן לאַנד פון קאַצנלאַנד.

און פון בוידעמס און פון הויפן,
קעלערס, דעכער, שפּאַלט און לאָך —
גאַנצע מחנות קעצלאַך לויפן —
לויפן זייער קעניג נאָך.

און צוויי קעצלאַך, צוויי שטאַפעטן,
ברענגען פאַר דעם קעניגס האַנט,
ברענגען אים אַ ביין אַ פעטן —
אַ מתנה פון זיין לאַנד.

דאַנקט דער קעניג די שטאַפּעטן,
דאַנקט דעם גאַנצן קאַצנלאַנד.
און צופרידן טוט ער גלעטן
זיך די וואנסן נאָכאַנאַנד.

און עס הילכט קאַצעני־אָמער:
פּידל־פּויק, פּידל — באַם —
ביז אין טאָג — און ביז דער לאמער
לעשט די לאָמפּן אויפן גאַס.

פרייד

בין איך מיר ביינאַכט געשלאָפן,
איז מיין גוטע פרייד אַנטלאָפן.
האָב איך מיר אין שלאָף פאַרטראַכט
ברענגען פרייד אין מיטן נאַכט.
רייב איך פייער פונם שימל,
צינד מיט דעם די זון אין הימל.
רוף איך בוימער, געסט פון וואַלד,
קומען אַלע בוימער באַלד;
קומען בוימער מיט מאַראַנצן.
און מיר גייען אַלע טאַנצן.
אַ קאַפּעליע פייגל שפּילט.
שפּילט קלעזמאָרים וואָס איר ווילט!
ביז — איך עפן אויף די אויגן,
איז שוין ווייסער טאָג פאַרצויגן,
אוןביים פענסטער שרייט אַ הון.
וויל איך אויסלעשן די זון
אַז זי זאָל מיין שלאָף ניט שטערן,
וויל זי ניט פאַרלאָשן ווערן.
שטיי איך אויף — און ביי מיין טיר
שטייט מיין גוטע פרייד פאַר מיר.

דער בלינדער

[וויג-ליד]

אין די וויגן וויינען קינדער,
וויגן מאַמעס צו:
— ליולינקע ליו ליו;
מיט אַ טאָרבע גייט אַ בלינדער,
שלעפּט זיך צו זיין רו.
קלאַפּט דער בלינדער אין אַ טויער,
איז דער טויער צו.
זיפצט דער בלינדער אין זיין טרויער:
גאָט, פאַרנעם כאָטש דו!
און ביים טויער ליגט דער בלינדער,
דעקט די נאַכט אים צו...
וויינען אין די וויגן קינדער,
וויגן מאַמעס צו:
ליולינקע, ליו ליו...

אַ וויג־ליד

איילי ליו ליו, נאַכט און רעגן,
איילי ליו ליו, נאַכט און ווינט.
אין דער נאַכט און אין דעם רעגן,
אין דער נאַכט און אין דעם ווינט,
גייען מענטשן אויף די וועגן
נאַס און הונגעריק ווי הינט,
און פאַרוואַגלטע ווי הינט.
איילי ליוליו, נאַכט און רעגן,
איילי ליוליו, נאַכט און ווינט,
ליולינקע מיין קינד!
און וואוהין די מענטשן גייען —
ווייס די נאַכט און ווייס דער ווינט.
אַן געוויין און אָן געשרייען
אין דער נאַכט און אין דעם ווינט,
גייען זיי אין שוואַרצע רייען
נאַס און הונגעריק ווי הינט,
און געטריבענע ווי הינט,
איילי ליוליו, נאַכט און רעגן,
איילי ליוליו, נאַכט און ווינט,
ליולינקע מיין קינד!

אַ אינגל

אין דרויסן שנייט, דער טאָג פאַרגייט,
דאָס אינגל קומט אין הויז אַריין
פאַרשנייט, די בעקלאַך נאַס און רויט,
די אויגלאַך פול מיט נאַכט און שיין.

דער טיש — מיט טיי איז צוגעגרייט.
און ביי דער טיי ווי רויטער ווײַן,
און פון דער גוטער מאַמע׳ס רייד,
באַם טיש — אַ מידער, שלאָפט ער איין.



גלעקלאַך

דאָרטן, ווייט אַראָפּ, אַראָפּ צום טאָל,
שניידט אין שניי אַוועג זיך ווייט און שמאָל.

פליט צום טאָל אַ שליטן ווייט אַהין,
קליינע גלעקלאַך קלינגען: דין, דין, דין...

אָט פאַרפליט דער שליטן ווייט אַראָפּ.
און די קליינע גלעקלאַך שטאַרבן אָפּ.

ווייִן ניט, וועט דער שניי צעגיין אַמאָל,
וועלן גלעקלאַך אויפגיין פונם טאָל!

אַ שליטן-אַרויספאָר

שנייעלע ווייסער וועט שיטן און שיטן...
שפּאָן באַלעגאַלע דיין פערדל אין שליטן,

איך וועל דיר געלט און אויף בראנפן נאָך געבן!
היינטיקע נאַכט וויל איך פריילאַכער לעבן!

איך וועל די רימענע לייצעס אַנעמטאָן,
און מיטן שליטן דעם שניי אַזאַ קעם טאָן,

אַזש ווי דער טייוול דאָס פערדל זאָל ציען!
גלעקלאַך, גלין גלין גלאָן — אַז פליען איז פליען!

גלעקלאַך און פערדל! — וויאָ! גיכער און גיכער!
מיר וועלן פליען ווי שדים אין וויכער,

פונקען און שניי-שטויב אין פּנים זאָל שלאָגן!
וואו בלייבן שטיין — וועט מיין הארץ מיר שוין זאָגן.

אַ מיידעלעביים קאַמין

אין קאַמין דאָס פייערל דערברענט,
רויטע שאָטנס ליגן אויף די ווענט,
וואַרעמט זי ביים פייערל די הענט;
און דאָס קליינע קעצל ווי אַ קנויל
ליגט ביי אירע פיס און דרעמלט פויל.

אין קאַמין דאָס פייערל דערברענט,
רויטע שאָטנס שלאָפן אויף די ווענט,
וואַרעמט זי ביים פייערל די הענט;
און ביים וואַרימען און רויטן שיין,
שלאָפט זי רואיג ווי דאָס קעצל איין.

דער פעטער שנייער

גלעקלאַך קלינגען גלין-גלין-גלאָן.
פון די ווייסע ווייטן
עמיץ קומט אַ ווייסער אָן
אויף אַ גרויסן שליטן.

קליפ-קלאַפּ, קליפ-קלאַפּ ! — באַלעבאָס,
עפן אויף דעם טויער !
קליפ-קלאַפּ, קליפ-קלאַפּ — ווער איז דאָס ?
— איך, דער פעטער שנייער !

— נו, טאָ גיי געזונטערהייט ! —
קומסט די מענטשן שרעקן . . .
אין דער נאָרע אויף דער קייט
נעמט דער הונט זיך וועקן,

אויפן בוידים קרייט דער האָן . . .
היידאַ, פעטער שנייער !
גלעקלאַך קלינגען גלין-גלין-גלאָן
אין די ווייסע ווייטן.

די ווינטער נויט

נאָך שלאָפט די גרויע גאַס אין קעלט און שניי געשמידט.
דער ווינט, וואָס האָט קיין היים ניט, — אים נאָר שלאָפט
זיך ניט.
און ווי די גאַנצע נאַכט, טרייבט ער אין גאַס זיך אום
און וויִט מיט שניי און שטויב און פייפט זיך בייז און
שטום.

און אין די מויערן — די מענטשן ווערן וואַך,
און קליינע פייערלאַך אין פענצטער פינקלען שוואַך,
און אויף די מויערן —צוציט זיך ווי אַ שטריק
דער ערשטער הייזעריקער פייף פון אַ פאַבריק.

ווער איז דאָס יענער ערשטער אין דעם נייעם טאָג,
וואָס איז געבליבן שטיין אַ רגע אויפן ראָג,
און קוקט זיך אום אַרום מיט אויגן — סם און האַס
און שפּאַנט אַוועק אַ מידער אין דער לענג פון גאַס?

דאָס איז די אַלטע, קאַלטע גרויע ווינטער נויט;
זי כאַפּט זיך אויף די ערשטע שעלטנדיקערהייט,
זי קומט אין גאַס די ערשטע — שעלט אַזוי און שפּאַנט,
און טראָגט אַן עמער קוילן אין איר דאַרער האַנט.

דער פּאָעט

פּאָעט, דו ביזט אַ קעניג,
די גאַנצע וועלט דיין לאַנד.
און אַלץ איז אונטערטעניג
צום צייכן פון דיין האַנט.
אַ צייכן — וויים נעמט פאַלן
אַ שניי אין מיטן יוז,
מיט העלן גאָלד נעמט שטראַלן
אין מיטן נאַכט די זון.
אַ צייכן — שווייגן ים'ען,
און ריידן רעדט דער שטיין,
און ביימער פון די שטאַמען
ווי מענטשן נעמען גיין.
נאָר אָפט איז שווער צו טראָגן
דעם קעניג אויף די קרוין, —
און שטילע טרערן שלאָגן
דורך דיין געמיט און ביין;
אַ צייכן — און די טרערן
געצויגן אויף די שניר,
זיי וועלן פּערל ווערן
פאַר דיר און אויך פאַר מיר.

דער פייגל

פון זילבער האָב איך אויסגעטיגלט
אַ פייגל, ווייס ווי ערשטער שניי.
מיט פליגל האָב איך אים באַפליגלט,
מיט ווייסע, לייכטע פליגל צוויי.

ביי מיינע קנאָפּל פלעגט ער שפּרינגען
ווי לעבן וואָלט אין אים געברענט:
ער פלעגט די ברוינע אַרבעס שלינגען
און זופּן מילך פון מיינע הענט.

ער פלעגט די ווייסע פליגל ציען
ווי פליען וואָלט ער זיך באַמיט;
האָט אים געפעלט דער פלי צום פליען,
ווייל אים די ערד האָט צוגעשמידט.

און אַז די זון פלעגט פריילאַך קלינגען
מיט אַלע פייגל פון דער וועלט, —
פלעגט ער ניט הערן און ניט זינגען,
ווייל אָטעם האָט אין אים געפעלט.



דער פוילענצער

וואָס גייסטו נאַקעט, פוילער וואָרים ? —
דו קריכסט נאָך אין דער פרעמד...
— מיין טאַטע-מאַמע זיינען אָרים —
איך זוך פאַר זיך אַ העמד.

דו ביזט דער שלאַנג דאָך ניט קיין פרעמדער,
אַ העמד — גיי צו דער שלאַנג ;
זי וואַרפט אַוועק אַזוי פיל העמדער !
— איר העמד איז מיר צו לאַנג...

דו וואָלסט די לאַנגע העמד גענומען, —
דער שניידער וואוינט ניט וויט —
ער וואָלט פון דיר אַ מאָס גענומען,
געמאַכט דיך פאַר אַ לייט.

— איך בין צום שניידער שוין געקומען :
נעם מאָך מיך פאַר אַ לייט ! —
וואָלט ער פון מיר אַ מאָס גענומען,
איז האָט ער ניט קיין צייט.

מאַני לייב -- וואונדער איבער וואונדער

ער וואָלט אַ נאַכט אַ גאַנצע זיצן
אין דרייען איינגעדרייט,
און מיט דער נאָדל וואָלט ער שוויצן
ביז ער וואָלט דיך באַנייט.

— ער וואָלט אַ נאַכט אַ גאַנצע זיצן,
ער וואָלט זיך שוין באַמיט,
און מיט דער נאָדל וואָלט ער שוויצן, —
האָט ער קיין פּאָדים ניט.

איז קריכט מען, פּוילער, אויפן בוידים
נאָך פּאָדים צו דער שפּין;
זי שפּינט תכריכים פאַר די שדים
פון פעדים אַ געשפּין.

— כ׳וואָלט גיין נאָך פּאָדים אויפן בוידים,
די שפּין האָט עס אַ סך!
איז האָב איך מורא פאַר די שדים,
זיי האַלטן תמיד וואַך. —

איז קריך זיך ווייטער פּוילער איינער!
איז קריך זיך אין דיין רו! —
פון אונטער ליגנדיקע שטיינער
קיין וואַסער שטראָמט ניט צו...

אַ דייטש מיט אַ בייטש

אַ דייטש מיט אַ בייטש האָט געשלאָגן זיין קינד;
די בייטש אין דער לופט האָט געפייפט ווי דער ווינט.

דאָס קינד האָט געוויינט מיט אַ בעטנדיק קול.
געוויינט מיטן קינד האָט דאָס גראָז אינם טאָל;

אַ בהומה וואָס האָט מלא-גורה׳ט דאָס גראָז;
און איבער׳ן וועג אַ דערשראָקענער האָז;

און איבער זיי אַלעמען, הויך, אין איר קרוין,
די זון האָט געוויינט מיט אַ ביטער געוויין.

אַ ליד פון אַ מאַמען

אַ פויגל געפלויגן
פאַרפלויגן געוואָרן
און האָט פאַר מיין פענצטער
אַ פעדער פאַרלאָרן.

פלי, פלי, פייגל פלי,
פלי, פלי, פלי! —
אַז מיין קינד מיין טייערן
מוז איך בלייבן הי.

אזוי ווי דער פייגל
מיין קינד איז פאַרפלויגן,
מיר איבערגעלאָזן
אַ טרער אין די אויגן.

טריף, טריף, טריף מיין טרער,
טריף, טריף, טריף! —
אַז געדענקען זאָל מיין קינד
ווי מיין צער איז טיף!

איז נעם איך די פעדער
אַ בריוול צו שרייבן,
מיין קינד אין דערווייטן
געטריי זאָל מיר בלייבן.

גיי, גיי, בריוול, גיי,
גיי, גיי, גיי! —
זאָל מיין קינד פאַרקלערן זיך
אויף מיין ווינד און וויי!

אַ ליד פון ליין

אַי-לי-ליו-לי, שלאָף מיין קינד!
אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

ווינט, וואו ביזטו דאָס געוועזן?
„הינטער בערג בין איך געוועזן!“
ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
„בלויען ליין האָב איך געזען;

אין לבנה'דיקן שיין,
צו דעם אָוונט-שטערן
זיפצט און וויינט דער בלויער ליין
און ער נויגט זיך, בויגט זיך איין
נויגט זיך פון די טרערן: —
וואָס וועט פון מיר ווערן? —
זאָגט דער אָוונט-שטערן:
לייוונט וועסטו ווערן...

אַי-לי-ליו-ליו, שלאָף מיין קינד!
אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

מאַני לייב -- וואונדער איבער וואונדער

ווינט, וואו ביזטו דאָס געווען?
„בין ביי פענצטער דאָס געווען."
ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
„באָבעס האָב איך דאָרט געזען.

ביי דעם שפּינראַד זיצן זיי
ביזן מאָרגן-שטערן:
רעדל, רעדל, דריי זיך דריי,
זאָל פון ליין, ווי ווייסער שניי,
ווייסער לייוונט ווערן!
שיינט דער מאָרגן שטערן;
זאָל דער לייוונט ווערן
ווייסער פון די שטערן.

אַי-לי-ליו-ליו, שלאָף מיין קינד
אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

ווינט, וואו ביזטו דאָס געווען?
„בין ביי הייזער דאָס געווען."
ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
„מאַמעס האָב איך דאָרט געזען.

פאַר די וויגן, בלייך און מיד,
פאַר דעם שפּעטן שטערן,
זינגען זיי: עס פירט אַ איד
וויסן לייוונט פון יריד,
קויפט מען עס מיט טרערן,
שניידט מען עס מיט שערן . . .
זינגט דער שפּעטער שטערן:
העמדלאַך וועלן ווערן!

אַי־לי־ליו־ליו, שלאָף מיין קינד!
אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

ווינט, וואו ביזטו דאָס געווען
„בין אין גאַסן דאָס געווען."
ווינט, וואו ביזטו דאָס געווען?
„קינדער האָב איך דאָרט געזען:

אין די העמדלאַך פאַרן שיין
פון דעם ערשטן שטערן,
טאַנצן קינדער: ליין, ליין, ליין,
הייליק, הייליק זאָלסטו זיין,
אונז פאַר דיינע טרערן, —
לייוונט זאָלסטו ווערן,
פון דעם מאָרגן שטערן
זאָלסטו ווייסער ווערן!



בהמות

נאָך איידער די הענער פֿאַרשלאָפֿענע קרייען
און איידער אין פֿעלדער די טשערעדעס גייען,
מיך וועקט שוין פֿון שלאָף מיין פֿאַרשלאָפֿענע ווייב:
— שטיי אויף, צו דער פֿאַשע די בהמות פֿאַרטרייב!

די בערג ביז אין הימל נאָך פֿינסטערע ליגן.
איך טרייב שוין די בהמות און זינג מיר אַ ניגון.
איך האַלט מיין געפֿלאָכטענע בייטשל אין האַנט
און שנייד מיטן בייטשל דאָס גראָז נאָכאַנאַנד.

היי, בהמות, דער בורא האָט אונז ניט פֿאַרלאָזן,
און זאַפֿטן געגאָסן פֿאַר אייך אין די גראָזן,
אַז מילך זאָלט איר ברענגען צו מיר אויפֿן הויף,
ווען איבער די בערג די לבנה גייט אויף.



מיין אַקער

גיי איך מיטן וועג אַוועק
צו דעם שמיד ר׳ יאַקער.
שמיד ר׳ יאַקער! שמיד מיר אויס,
שמיד אַ נייעם אַקער!

גיי איך אין מיין פעלד אַרויס
מיט מיין נייעם אַקער.
פערדל-וויאָ! און פערדל-ניאָ! —
אַקער איך מיין אַקער.

ערד ווי סאַמעט פּאַס נאָך פּאַס
שנייד איך מיט מיין אַקער;
פון איר הייסן פּוטערפאַס
ברענט די זון אין פלאַקער.

קום איך אַוונט-צו אַהיים,
שטעל אַוועק מיין אַקער.
עס איך מיר אויף אַלע ציין,
איז מיין שלאָף געשמאַקער.

שלאָף איך מיר אין זיסן שלאָף,
חלום איך געשמאַקער,
און אויף מאָרגן, מיטן טאָג,
בין איך מיר אַ קנאַקער.

אַ ליד פון אַן אָרעמען פּויער

מיין פערדל שלעפּט מיין אַקער
און בלייבט פאַרמאַטערט שטיין;
מיין פעלד איז פול מיט דערנער, —
דאָס פערדל וויל ניט גיין.

איך שטופּ דעם אַקער אונטער,
פון פּנים רינט דער שוויים: —
וויאָ, פערדל, שלעפּ דעם אַקער!
מיין פעלד איז דאָך ניט גרוים!

נאָר גרוים איזביידנס אומגליק
און גרוים איז ביידנס נויט,
דאָך וועט דאָס פעלד אונז געבן
פאַר דיר און מיר דעם ברויט.

וויאָ פערדל, שלעפּ דעם אַקער!
מיין פעלד איז דאָך ניט גרוים!
איך שטופּ דעם אַקער אונטער,
פון פּנים רינט דער שוויים.



דער ציגיינער

אַ דאַרע קליאַטשע שלעפּט זיין בויד
סטעפּ איין, סטעפּ אוים, סטעפּ איין, סטעפּ אוים;
און ניט דער סערפּ און ניט די נויט
טרייבט אים אין פעלד פאַרטאָג אַרוים.
דעם קייסער דינען גייט ער ניט,
ער לעבט זיך ווי דאָס מזל גיט.

די סטעפּ, — דאָס איז זיין פאָטערלאַנד,
זיין דאַך — דער הימל אין דער הויך;
און ווי דער אָדלער אויפן סטעפּ
געפינט זיין ברויט — געפינט ער אויך.
דערפאַר האָט דאָך דעם שונא׳ס הענט
די הייזער זיינע ניט פאַרברענט!

דער רייכער שלאָפט ניט אין די נעכט,
דער סוחר וואַנדלט אויף דער וועלט,
דער פישער טרייבט זיך אום אין ים,
דער פויער בראַנעוועט זיין פעלד;
און ער — צי זאַט — דערפאַר ניט מיד,
ער זינגט זיך אין זיין בויד זיין ליד.

מאַני לייב -- וואונדער איבער וואונדער

איןווינטער ליגט ער אין זיין בויד,
אין פרילינג קריכט ער פויל אַרויס,
און זומער לאָזט ער זיך אַוועק
סטעפּ איין, סטעפּ אויס, סטעפּ איין, סטעפּ אויס;
און עסט זיין ניט געזייטן ברויט
און גרויער נעבל איז זיין קלייד.

דער עפּלבוים

דער עפּלבוים, דער מידער עפּלבוים,
האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע רויטע עפּל,
דעם געלן, וועלקנדיקן גראָז,
און קראַנק און געל, אין שטאַרבנדיקן זומער
איז ער אַ ליידיקער פאַרבליבן.

דער אַלטער באַלעבאָס פון שטיבל,
האָט אין אַ ליימענעם פאַרברוינטן טעפּל,
מיט שוואַרצע הענט, פון געלן גראָז
די רויטע עפּל אויפגעקליבן.

דער קראַנקער געלער עפּלבוים,
האָט אָפּגעגעבן זיינע לעצטע, געלע בלעטער
דער שוואַרצער ערד;
און הויל און טויט ביז אין די שוואַרצע וואָרצלען
איז ער אין שפּעטן הערבסט,
אין גרויען הערבסט פאַרבליבן.

דער בלינדער ווינט,
וואָס ווייַנט ביי פּלייטן מיט די אַלטע ברעטער,
האָט זיך אַ בלינדער
אין זיינע דאַרע צווייגן אומגעטריבן.

און שפּעטער —
ווען דער הערבסט פאַרלעשט די נעכט —
פון זיינע דאַרע צווייגן
האָט אַ שוואַרצער פייגל
שרעק פון טויט
אויף אַלעמען אין שטיבל אָנגעטריבן.

אין שטיבל האָט געברענט אַ לאָמפּ.

און שפּעטער —
האָט דעם טויטן עפּלבוים
אַ ווייסער שניי פאַרשנייט.
און ווייסע, פלאַטערדיקע טויבן
האָבן זיך אַריבער אים געדרייט,
געקוילערט זיך צום בלויען הימל
און צו דער ווייסער זון.

דער פראָסט האָט שווער פאַרצויגן
מיט גאָלד און בליי
פון שטיבל אַלע שויבן.

אין שטיבל, אויפן ווייסן טיש,
אין אַ שיסל
פון פינקלענדיקן גלאָז —
צוויי רויטע עפל
האָבן זיך געגאָלדיגט אין דעם טאָג
און זייער זיסן דופט פאַרשפּרייט.

דאָס הינטל־הינד

דאָס איז געווען אַ הינטל
דאָס קליינע הינטל הינד,
אַ שיינער און אַ צאַרטער,
אַ שטילער ווי אַ קינד.

מיט צוטרוי פלעגט ער טרינקען
די מילך פון מיינע הענט
און דאַנקען מיט די אויגן
און קושן מיר די הענט.

דאָס איז געווען אַ הינטל,
דאָס קליינע הינטל הינד,
אַ שיינער און אַ צאַרטער
און שטילער פון אַ קינד.

נאָר אין אַן אָוונט, איינמאָל,
איך האָב פאַרבראַכט באַ פריינט
און שפּעט אַהיים געקומען
פון מיינע גוטע פריינט,

און זע: ניטאָ מיין הינטל, —
צי בין איך אפשר בלינד,
נאָר ס׳איז ניטאָ דאָס הינטל
דאָס קליינע הינטל הינד.

עס הייבגט דאָרט אויף אַ רימען
דאָס קליינע הינטל הינד...

כ׳האָב נאָכגעפרעגט בא שכנים,
און לאַנג אַרומגעזוכט;
דאָס הינטל איז פאַרפאַלן:
אומזיסט האָב איך געזוכט.

דאָך יעדע זאָרג פון מענשען
אין זאָרג פון טעג פאַרשווינדט:
און איך האָב שוין פאַרגעסען
דאָס קליינע הינטל קינד.

נאָר אין אַ נאַכט אַ שיינער
און אין לבנה שיין,
שפּאַציר איך אין מיין גאָרטען
אין דעם לבנה שיין.

און פּלוצלינג, אויף אַ ווערבע —
איך זע דאָס נאָך אַצינד —
עס היינגט דאָרט אויף אַ רימען
דאָס קליינע הינטל הינד.

דאָס האָט אַ שלעכטער שונא
פון בייזקייט מיר געטאָן: —
ווי וואָלט דער גרעסטער שונא
פון בייזקייט דאָס געטאָן? —

געווים אַ שלעכטער אינגל,
אָן מורא פאַר דער זינד,
האָט ער עס אויפגעהאַנגען
דאָס קליינע הינטל הינד.

ווי קומט צו מיר אין גאָרטן
אַ אינגל זאָל אַריין ? —
ס'איז הויך פאַרצאַמט מיין גאָרטן,
ווי וואָלט ער גאָר אַריין ?

נאָר ס'איז געווען פאַרפאַלן:
שוין טויט מיין הינטל הינד!
די ציינדלאַך וויים ווי פערל,
די אויגלאַך שטאַר און בלינד...

און ביי דער גרינער ווערבע,
און אין דער זעלבער נאַכט,
האָב איך זיין קליינעם קבר
געגראָבן אין דער נאַכט.

די ציינדלאַך וויים ווי פערל,
די אויגלאַך שטאַר און בלינד...
שלאָף רואיק אין דיין קבר
מיין קליינער הינטל הינט.

איך האָב זיין קליינעם קבר
פאַרשאָטן מיט דער ערד,
און אויסגעגלייכט זיין קבר
מיט בלעטער און מיט ערד.

און אויפן קליינעם קבר
פון קליינעם הינטל הינד,
די ווערבע נויגט די צווייגן
אין טרויער מיטן ווינט.

צוויי אינגלאַך

זיצט אַ אינגל מיט אַ אינגל,
קנאַקט כסדר מיט זיין צינגל:

אַז איך וואָלט געווען אַ גרויסער,
אָדער איך וואָלט זיין אַ קייסער,

וואָלט איך זיך געקויפט אַ פערד,
איינמאָל שוין אַ גוטן פערד,
פלי מיין פערד אויף אונזער ערד,
אויסצומעסטען גאָר די ערד.

ענטפערט אים דאָס צווייטע אינגל,
אויך אַ קנאַקער מיטן צינגל:

איך וואָלט בעסער מיט די באַנען
פליען, פליען ווייט פון דאַנען;

וואו אַ באַן איז נאָר פאַראַן,
שפּרינג איך מיר אין יענער באַן,
פלי איך דורך דער גאָרער וועלט,
ערגעץ זיך ניט אָפּגעשטעלט.

ענטפערט אים דאָס ערשטע אינגל
מיט זיין קנאַקנדיקן צינגל:

איך וואָלט בעסער זיך געלאָזען
מיט די זעגלען אויפגעבלאָזען;

זיבן זעגלען אויפן שיף,
אָן מאַטראָסן אויפן שיף,
שווים איך מיר אין אָקעאַן,
וואו אַ ים איז נאָר פאַראַן.

ענטפערט אים דאָס צווייטע אינגל,
אַ באַרימער מיטן צינגל:

איך וואָלט בעסער מיט די ווינטן
זיך אַרויפגעכאַפּט פון הינטן

וואָלט אַ כאַפּ געטאָן זיין עק
און אַוועק, אַוועק, אַוועק,
קנאַק נאָר בייטשל אין מיין האַנט!
וויאָ, און צום לבנה-לאַנד.

ווי עס זיצן דאָ די אינגלאַך,
און זיי קלאַפּן מיט די צינגלאַך,
קומען ווי אַ פייל פון בויגן
גלייך פון הימל אנגעפלויגן,
זיבן גרויסע ווייסע גענז
מיט די לאַנגע ווייסע פרענז
אין אַ שליטן איינגעשפּאַנט
אַקאָרשט פון לבנה־לאַנד.

און זיי קנאַקן מיט די צינגלאַך:
גאַ־גאַ, צווייטער פון די אינגלאַך,
האָבן מיר דיין וואונש פארנומען,
זיינען מיר נאָך דיר געקומען;

נאָר אַריר טאָן זיך פון אָרט,
זיינען מיר שוין תיכף דאָרט,
נעם אַ בייטשל נאָר אין האַנט,
טרייב אונז צום לבנה־לאַנד!

רירט זיך ניט דאָס צווייטע אינגל,
היינגט אים אַזש פון שרעק זיין צינגל.

נאָר דאָס ערשטע אינגל ברענט,
כאַפּט אַ בייטשל אין די הענט,

אין דעם שליטן טוט אַ שפּרונג,
מיטן בייטשל גיט אַ קלונג!

גאַ־גאַ־גאַ, און אַט־אַטאַ,
און ער איז שוין דאָ ניטאַ!

בלייבט אַליין דאָס צווייטע אינגל,
היינגט פֿאַרשעמט אַראָפּ זיין צינגל.

שטייט ער זיך אַליין ביים טויער,
קראַצט ביים טויער זיך אַן אויער;

מיט אַ פֿינגער פֿון זיין האַנט
ווייזט ער צום לבנה לאַנד:

עפּעס ליכטיגער האָט היינט
די לבנה זיך צעשיינט!



דריי וואַנדערער

אויפן גרויען אינזל
פון די זיבן ים׳ען,
דריי מידע וואַנדערער
טרעפן זיך צוזאמען.

דריי מידע וואַנדערער
פון דער גאָרער ערד,
מיט די אַלטע טאָרבעס,
מיט די גרויע בערד.

מאַני לייב — וואונדער איבער וואונדער

אויפן גרויען אינזל
פון די זיבן ים׳ען,
דריי מידע וואַנדערער
רוען אַפּ צוזאַמען.

רוען און פאַרציילן
מיט פאַרטרויטע רייד
איינער פאַרן צווייטן
פון זיין פרייד און לייד.

— עך, — הויבט אָן דער ערשטער —
פייגל האָבן נעסטן;
איך נאָר מיט מיין טאָרבע
דאַרף די ערד נאָר מעסטן.

חיות האָבן נאָרעס —
איך האָב ניט קיין לאַנד...
און ער ווייזט צום הימל —
טרויער אין זיין האַנט.

קאָנסט עס ניט געפינען
אויף דער גאָרער ערד?...
זיפצן אַפּ די וואַנדערער,
נויגן אָן די בערד.

— איך — הויבט אָן דער צווייטער —
ווי די ווינטן בלאָזן,
בין איך אויפגעשטאַנען
און מיין לאַנד פאַרלאָזן.

ניט קיין גליק צו זוכן —
נאָר אַ שיין פון גליק...
און ער ווייזט צום הימל —
עלנט אין זיין בליק.

קאָנסט עס ניט געפינען
אויף דער גאָרער ערד ...
זיפצן אָפּ די וואַנדערער,
נויגן אָן די בערד.

איך — הויבט אָן דער דריטער —
אין מיין לאַנד פון קייטן,
בין איך פריי געגאַנגען
ליבע צו פאַרשפּרייטן.

האָט פון לאַנד פאַרטריבן
מיך דער בייזער פיינט...
און דער גאַנצער הימל —
אויף זיין פּנים שיינט.

האָסט שוין אַלץ געפונען
אויף דער גאָרער ערד...
שמייכלען שטיל די וואַנדערער,
גלעטן זיך די בערד.

אויפן גרויען אינזל
פון די זיבן ים׳ען,
האָבן דריי וואַנדערער
אָפּגערוט צוזאַמען.

און געשלעפּט זיך ווייטער
איבער ערד און טעג,
יעדער מיט זיין טאָרבע,
יעדער מיט זיין וועג.



צוויי

איבער דער שטאָט, אויף טורעם און מויער,
ליגט שווער דער נעבל ווי אַ נאַסע נעץ.
דורך נאַכט און דורך נעבל פון טויער צו טויער,
קריכן זיי ביידע ווי צוויי קראַנקע קעץ.
טיף איבער די אויגן די אַלטע היט
און קאַלטער הונגער אין ביידנס טריט.

און איינער פאַרטרויט וואָס אים איז באַשערט,
און דער צווייטער שווייגט און הערט.

„אַן אָרעמע צויג האָט מיך געבאָרן,
און מיך פאַרלאָרן גלייך ווי אַ הונט.
אין שטעט, אויף באַנען, וועגן און יאָרן
בין איך אַ שלעפּער, אַ הפקר הונט.
נו, איז זאָל זיין וואָס מיר איז באַשערט!"
און דער צווייטער שווייגט און הערט:

„און איך בין אַ קעניג פאַרשטעלט אין אַ בעטלער.
דאָס האָב איך געבויט די גרויסע שטאָט.
מיין וואָרט, מיין זיגל, מיין קרוין און צעפּטער,
איז געווען מיין האַמער, מיין זעג און דלאָט...
און זיין צער און האַס אין די ווערטער ברענט,
און ער ווייזט זיינע שוואַרצע הענט.

און ווי משוגע און הויך אין דער נאַכט,
האָט זיך דער צווייטער צעלאַכט.

אַ שטילע לויה

זיבן קליינע אידעלאַך, מיט די לאַנגע בערד,
גייען נאָך דעם וואָגן, טרייבן אָן דעם פערד.

אָן צדקה פושקעס און אָן ווייגעשריי,
פירן זיי אַ אידעלע אַ קליינינקן ווי זיי.

קליין איז דאָס אידעלע, די אויגן צוגעמאַכט,
די אויגן צוגעמאַכט ווי די פינצטערע נאַכט.

דרייען זיך די רעדער, טופעט קוים דער פערד,
גייען נאָך די אידעלאַך מיט די לאַנגע בערד.

אויפן פעלד דעם ברייטן, ביי אַן אַלטן פליט,
שלאָפט דאָס גראָז אויף קברים, נאָר דער ווינט ווייט.

און די זיבן אידעלאַך מיט די לאַנגע בערד,
גראָבן מיט די רידלען אַ קבר אין דער ערד.

גראָבן זיי דעם קבר, טיף זאָל ער זיין.
לייגן זיי דעם אידעלע אין קבר אַריין.

ליגט זיך דאָס אידעלע, די אויגן צוגעמאַכט,
די אויגן צוגעמאַכט ווי די פינצטערע נאַכט.

און דער ווינט גייט, און דער ווינט ווייט,
דורכן אַלטן פליט, דורכן גראָז און טויט.

און די זיבן אידעלאַך מיט די לאַנגע בערד,
זעצן זיך אין וואָגן, טרייבן אָן דעם פערד.

די באָבע

אין איר שוואַרצן שטערנטיכל
מיט די האַלענדער פערל,
מיט די זילבערנע ברילן
אויף די אַלטינקע אויגן,
איז די באָבע געזעסן
פאַר דער תחינה מיט פלעקן
פון חלב און טרערן,
און מיט אירע אַלטע ליפּן
פאַר זיין כבוד געבעטן.

און געבעטן פאַר זיין כבוד
האָבן אירע אַלטע ווערטער:
אַז זיין האַנט וואָס האָט באַשאַפן
ערד און הימל און שטערן,
זאָל פון אומגליק באַשירמען
זיין דערוויילטן פאָלק ישראל,
און דערלייזן פון די פעלקער
זיין געוויילטן פאָלק ישראל;
און זאָל היילן דעם קראַנקן
און זאָל טרייסטן דעם געזונטן,
אַז קיין מענטש אין זיין ווערמוט
זאָל ניט אָנקומען צום צווייטן,
אַז אויף דער ערד זאָל די שכינה
תמיד נידערן: אמן.

אזוי האָט די אַלטע באָבע
פאַר זיין כבוד געבעטן.
און איר טרער איז געפאַלן
אויף דער אָפענער תחינה.

און זיין האַנט וואָס האָט באַשאַפן
ערד און הימל און שטערן,
האָט באַשירמט פון אומגליק
זיין דערוויילטן פאָלק ישראל,
און דערלייזט פון די פעלקער
זיין געוויילטן פאָלק ישראל.
און געהיילט איז דער קראַנקער
און געטרייסט איז דער געזונטער,
און קיין מענטש, אַ געבענטשטער,
קומט נישט אָן צו קיין צווייטן.
און די ליכטיקע שכינה
אויף דער ערד האָט גענידערט,
און פאַרשפּרייט אירע פליגל,
אירע הייליקע פליגל
אויף דער וועלט און ישראל.

רב שלמה דער וואַסערטרעגער

אַ מידער איז רב שלמה אין זיין שטיבעל געקומען;
די עמער פון אַקסעל אַרונטערגענומען,
געגעסן מיט אַ ברכה זיין אָרימען מאָלצייט,
און פאַרשפּרייט מיטן פּעלצל דעם האַרטן געלעגער,
און מיט מידע אויגן קריאת שמע געלייענט
און אַזוי ווי אַ שטיין אַנטשלאָפן געוואָרן.

און אין שלאָף האָט רב שלמה געזען אַ חלום:
אַ ליכטיקער מלאך איז פון הימל אַרונטער
אויף ווייסע פליגלען, און אַרונטערגענידערט
דורכן פינצטערן פענצטער אין זיין אָרימען שטיבל
און האָט זיך געזעצט בײַ זיין האַרטן געלעגער.

און רב שלמה האָט געזען מיט פאַרוואונדערטע אויגן:
ווי דער מלאך נעמט פון אונטער דעם פליגל
אַ גאָלדענעם ספר און אַ גאָלדענע פעדער,
און טוט וואָס פאַרשפרייטן מיט גאָלדענע אותיות.

פרעגט פון חלום ר׳ שלמה פאַרוואונדערט ביים מלאך:
וואָס טוט ער אין גאָלדענעם סופר פאַרשרייבן?

און דער ליכטיגער מלאך האָט רב שלמה׳ן געענטפערט:
איך טו דאָס פאַרשרייבן מיט גאָלדענע אותיות,
די נעמען פון די וואָס לערנען גאָט׳ס תורה,
און פאַרברייננגען כסדר אין ליבען זיין נאָמען.

האָט רב שלמה אין זיין חלום גענומען זיפצען,
און מיט ביטערע טרערען געוויינט פאַרן מלאך:
אַז אָך און וויי איז צו מיינע יאָרען!
אַז ניט איך טו לערנען זיין הייליגע תורה,
אַז ניט איך טו ליבען זיין הייליגען נאָמען,
אַז איך בין נאָר אַן אָרימער וואַסערטרעגער,
אַז איך טראָג נאָר וואַסער פאַר די אָרימע מענטשן...

איז ווי נאָר דער מלאך האָט דערהערט די ווערטער,
דאָס ער טראָגט וואַסער פאַר די אָרימע מענטשן, —
האָט דער מלאך אָפּגעווישט רב שלמה׳ס טרערען,
און טרייסטונג געגעבען צו רב שלמה׳ס הארצען.

און רב שלמה האָט דערזען מיט פאַרוואונדעטע אויגן:
ווי דער ליכטיגער מלאך טוט פאַרשרייבען זיין נאָמען
מיט גאָלדענע אותיות אין דעם גאָלדענעם ספר
אינאיינעם מיט די אַנדערע הייליגע נעמען
פון די וואָס לערנען גאָט׳ס הייליגע תורה
און פאַרברענגען אין לויבען זיין הייליגען נאָמען.

און אַז רב שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט פונם גוטן חלום,
האָט אַ הייליגע ליכט אויף זיין פּנים געלויטערט.
און רב שלמה האָט אָגנעטאָן זיין אַלטען פּעלצעל,
און מיט דער גראָבער שטריק די פּאָלעס פאַרגאַרטעלט,
און גענומען אויפן אַקסעל די ליידיגע עמער,
און געגאַנגען צום ברונעם מיט די גרויסע עמער
צו שעפּען וואַסער פאַר די אָרימע מענשען.

אויפֿן שליטוועג

פֿעלדער און לאַנען פֿאַרשנייט און פֿאַרווייט
ליגן אויף מײַלן און מײַלן.
האַרט בײַ דעם מעריב די פֿראָסטיגע זון
פֿלאַקערט אויף זילבערנע זײַלן.
זוניגער אָפּשײַן געוויטעלט און קאַלט
איבער די שנייען די בלויאיקע פֿאַלט.

און אין גאַנצן אָפּענער ליכטיגער ווייט
און דורך די פֿעלדער געשניטן
פֿון דעם געהאַמערטן פֿערדישן קלוי
און פֿון דעם סוחרישן שליטן,
ציט זיך אַ שליטוועג געשלענגלט און שמאָל
פֿראָסטיג און גלאַט ווי געשליפֿענער שטאָל.

און אויף דעם שליטוועג, אַ ווײַסער פֿון שניי,
אונטערן אָרעם אַ שטעקן
און אויף די פּלייצעס אַ פּוּערשער זאַק
הויקערט אַראָפּ אין צוויי עקן,
שלעפּט זיך אַזוי אַ דערפֿראָרענער איד
שלעפּט זיך אַ איד פֿון אַ ווײַטן יריד.

מאַני לייב -- וואונדער איבער וואונדער

שבת פאַלט צו. און דער איד איז אין וועג
הונגעריג מיד און דערפראָרן;
און די לבנה גייט אויף אויפן וועג
פראַסטיק און בלייך ווי אַ הארען
און צו אַ מענטשליכן ישוב איז ווייט
און נאָר זיין שאָטן קריכט שווער באַ זיין זייט.

פלוצלינג פון גלעקלאַך אַ דינער געקלאַנג,
שניי שטויב דעם וועג הויבט אָן שטויבן
און אין אַ דעמבענעם שליטן געשפאַנט
פליען דריי פערד ווי די לייבן,
שטויבן דעם שניי אין דעם ווילדן גאַלאָפּ.
טפּרו! — און די פערד שטעלן ראַפּטום זיך אָפּ.

און אין דעם שליטן אַ סוחר אַ איד
שמייכלט אין פעלץ זיך צופרידן
און פון זיין פעלץ מיט דער בייטש אין דער האַנט
רופט ער אין שליטן דעם אידן.
שבת ר׳ איד! און דערפראָרן און מיד
קריכט אין דעם שליטן דער אָרימער איד.

וויאָ! — און די פערד אַז זיי גיבן אָרים, —
גייט אַזש דער וועג מיט די ווינטן.
און די לבנה אָט טאַנצט זי ביים זייט
און אָט פאַרלויפט זי פון הינטן.
אָט און אַנטקעגן אַ פייערל שיינט
וואַרעם און גוט ווי אַ נאָענטער פריינט.

אַט און אַט שטייט שוין אַ קרעטשמע פאַר זיי
אָפן און ברייט איז דער טויער;
שבת׳דיג לייכטן אין פענצטער די ליכט
לייכטן מיט פרייד און מיט טרויער.
פירט אויפן שטאַל דער משרת די פערד.
טרייסלען די אידען דעם פראָסט פון די בערד.

קומען די אידן אין קרעטשמע אַריין:
אידן, גוט שבת אייך אידן, —
שמייכלט צום קרעטשמער דער סוחר דער איד
און רייבט די הענט זיך צופרידן:
שבת, שוין שבת אַ שטיק אין דער נאַכט,
האָב איך דערפאַר אונז אַן אורח געבראַכט!

דער סוחר

לויפט אַ פערדל איינגעשפּאַנט
אין אַ בויד אַ הויכער,
מיט אַ בייטשל אין דער האַנט
פאָרט אַ רייכער סוחר.

מעריב זייט די זון פאַרגייט
שוואַרצע נאַכט נעמט ווערן,
נאָר צו מזרח גרוים און רויט
לייכט אַ העלער שטערן.

יאָגט ער אָן אַן אָרימאַן:
צו דער נאַכט, אַ מידער,
טראָגט אַ משא ווי אין שפּאַן,
ביז ער פאַלט אַנידער.

שרייט דער סוחר: קער זיך אָפּ,
ווייל מיין צייט איז טייער! —
ווארפט צום אָרימאַן אַראָפּ
אַ פאַרמעקטן דרייער.

און דאָס בייטשל גיט אַ שמיץ,
פליט פאַרביי דאָס פערדל.
פליט דער סוחר ווי אַ בליץ
גלעט זיך וואויל דאָס בערדל.

רופט אים נאָך דער אָרימאַן:
זאָל דיך גאָר ניט שלאָגן,
נאָר ווי איך אין שווערן שפּאַן
זאָלסט מיין משא טראָגן!

פליט דער סוחר וועג אַראָפּ,
יאָגט אים אָן אַ רויבער:
— גיב דיין האָב און גוטס מיר אָפּ,
אָדער איך צעטרייבער!

נעמט ער אַלץ ביים סוחר אָפּ,
לאָזט אים מיט די ווינטן
און אַנטלויפט אין ווילד גאַלאָפּ,
לאָזט אַ שטויב פון הינטן.

זיצט דער סוחר ביי דעם וועג,
צו דער ערד זיין בערדל,
וויינט נאָך זיינע גוטע טעג,
נאָך זיין גוטן פערדל.

מאַני לייב — וואונדער איבער וואונדער

קומט אַ צווייטער אָרימאַן:
אין דער נאַכט, אַ מידער,
שלעפּט אַ משא ווי אין שפּאַן,
פאַלט אין וועג אַנידער.

ווישט דער סוחר אוים די טרער:
— אַז צו אַלדי קלאָגן! —
עך, דיין משא איז דיר שווער? —
גיב איך וועל זי טראָגן!

הויבט די שווערע משא אויף,
נעמט זי אויפן נאַקן,
און ער שלעפּט זי וועג אַרויף
אַזש די ביינער קנאַקן.

גייען ביידע מיטן וועג
גייען זיי און גייען,
ביז זיי קומען צו אַ שטעג,
ביז די הענער קרייען.

— נו, אַ דאַנק . . . דיין וועג איז לאַנג,
און דיין צייט איז טייער . . .
און דעם סוחר פאַר איין גאַנג
שטופּט אַ נייעם דרייער.

קוקט דער סוחר, יענער לאַכט,
לאַכט און ווערט פאַרשוואונדן:
און נאָך אים און אין דער נאַכט
ווערט אַ שיין געצונדן.

גייט דער סוחר נאָכן שיין,
האַלט אין האַנט דעם דרייער.
זאָל דאָ גאָר אַ קרעטשמע זיין? —
אין די פענצטער פייער.

עסן האָט ער שטאַרק געוואָלט,
האָט דאָרט אַלץ געטראָפן:
נעמט דעם דרייער און באַצאָלט;
און מען לייגט אים שלאָפן.

שלאָפט ער זיבן נעכט און טעג,
שלאָפט מיט אים זיין בערדל:
חלום'ט פון די גוטע טעג,
פון זיין גוטן פערדל.

אונטערוועגנס

פאָרן מיט אַקס און מיט אָקסן דריי גוים,
פאָרן דריי גוים, דריי שיכור'ע פּראים.
קומט פון די וועגן אַ איד זיי אַנטקעגן,
קריכט מיט אַ טאָרבע אין שטויב פון די וועגן.

זיינען די גוים אַ רויב טאָן אַ בעלן,
נעמען די גוים דעם אידן באַפאַלן:
„גיב אונז אַוועק דיינע גרויסע מטבעות,
דיינע מטבעות די גאָלדענע מאות!"

בעט זיך דער איד מיט תחנונים און טרערן,
נעמט מיט אַ הייליקער שבועה זיך שווערן:
„אוי, אַז ווי זאָל איך אייך געבן די מאות,
אַז מיין פאַרמעג איז מיין באָרד מיט די פאות
און אין מיין טאָרבע אַ פּאַק שיר המעלות,
און פון מיין ווייב — אירע קללות און יעלות..."

קלינגען אין דאָרפישן קלייסטער די גלאָקן,
האָבן דאָ שטאַרק זיך די גוים דערשראָקן;
זיינען זיי אַלע דאָ ניכטער געוואָרן
און זיך גע'צלם'ט און ווייטער געפאָרן.

האָט שוין דער איד ניט געוואַרט אויף קיין עצות,
האָט ער גענומען די פיס אויף די פלייצעס
און ווי אַ אינד זיך אַוועקגעלאָזט לויפן,
אידישע קינדער זיין סחורה פאַרקויפן.

זיבן אידן



פאָרן, פאָרן זיבן אידן
אויף יריד׳ן האַנדלען:
פירן אידן אויף יריד׳ן
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

נאַכט און רעגן אויף די וועגן,
און די רעדער קלעפּן.
אין דער נאַכט און אין דעם רעגן
קוים די פערדלאַך שלעפּן.

און די זיבן אידן פאָרן אויף די וועגן,
פאָרן, פאָרן ביז זיי ווילן עסן.
נעמען זיי דעם האַרטן ברויט פון די זעקלאַך,
זיפצן אָפּ אין דער שטיל און מאַכן המוציא.
שיטן אָן מיט הוילע זאַלץ און נעמען עסן.
רופט זיך אָפּ איינער פון די זיבן אידן:
„גוט וואָלט געווען אַביסל בראַנפן...“
זיפצן שטיל די אידן און שמייכלען ביטער.
פּלוצלינג — און זיי ווילן די אויגן ניט גלויבן, —
אויפן סאַמע מיטן וועג שטייט אַ קרעטשמע,
אַ נייע קרעטשמע מיט ליכטיקע פענצטער.
האָבן זיך די זיבן אידן שטאַרק דערשראָקן
און זיי נעמען שרייען: שמע, ישראל!
איז ווי נאָר זיי שרייען שמע ישראל,

הויבן אָן ווינטן פייפן און בלאָזן,
און די קרעטשמע ווערט אינגאַנצן נעלם.

פאָרן זיך די זיבן אידן
אויף יריד'ן האַנדלען:
פירן אידן אויף יריד'ן
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

נאַכט און רעגן אויף די וועגן,
און די רעדער קלעפּן.
אין דער נאַכט און אין דעם רעגן
קוים די פערדלאַך שלעפּן.

פאָרן, פאָרן ווייטער די זיבן אידן,
און זיי ווילט זיך דאָך די צייט צו פאַרטרייבן;
שלעפּן זיי די גרויסע ליולקעס פון בוזים,
נעמען זיי דעם קיזלשטיין און אייזן,
קרישען, קרישען, נאָר עס קומט ניט קיין פייער.
רופט זיך אָפּ איינער פון די זיבן אידן:
„גוט וואָלט געווען אַביסל פייער...“
זיפצן שטיל די אידן און שמייכלען ביטער.
פּלוצלינג — און זיי ווילן די אויגן ניט גלויבן, —
אויפן סאַמע מיטן וועג גייט אויף אַ פייער,
און עס פלאַקערט דאָס פייער ווי אַ שרפה.
האָבן זיך די זיבן אידן שטאַרק דערשראָקן,
און זיי נעמען שרייען: שמע ישראל!
איז ווי נאָר זיי שרייען שמע ישראל,
הויבן אָן ווינטן פייפן און בלאָזן
און דאָס פייער ווערט אינגאַנצן נעלם.

פאָרן, פאָרן זיבן אידן...

מאני לייב — וואונדער איבער וואונדער

פאָרן זיך די זיבן אידן
אויף ירידץ האַנדלען:
פירן אידן אויף ירידץ
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

נאַכט און רעגן אויף די וועגן,
און די רעדער קלעפּן.
אין דער נאַכט און אין דעם רעגן
קוים די פערדלאַך שלעפּן.

פאָרן ,פאָרן ווייטער די זיבן אידן,
טרויעריק די בערד אַרונטערגעלאָזן.
רופט זיך אָפּ איינער פון די זיבן אידן:
„גוט וואָלט געווען די סחורה צו פאַרקויפן...“
זיפצן שטיל די אידן און שמייכלען ביטער.
פּלוצלינג — און זיי ווילן די אויגן ניט גלויבן, —
אויפן סאַמע וועג אַנטקעגן קומען אָן סוחרים,
אין אַ רייכער בויד מיט פערד ווי די אדלערם;
און די סוחרים זאָגן צו די זיבן אידן:
„אידן, צו וואָס זאָלט איר פאָרן אויף ירידץ,
אַז מירן ביי אייך קויפן די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
אַז מירן אייך צאָלן מיט מזומנ׳ע רענדלאַך...“
און זיי קלינגען שוין מיט די גאָלדענע רענדלאַך.
האָבן זיך די זיבן אידן שטאַרק דערשראָקן
און זיי נעמען שרייען: שמע ישראל!
איז ווי נאָר זיי שרייען שמע ישראל,
הויבן אָן ווינטן פייפן און בלאָזן,
און די סוחרים ווערן אַלע נעלם.

פֿאָרן זיך די זיבן אידן
אויף יריד'ן האַנדלען:
פֿירן אידן אויף יריד'ן
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

נאַכט און רעגן אויף די וועגן,
און די רעדער קלעפּן.
אין דער נאַכט און אין דעם
רעגן
קוים די פֿערדלאַך שלעפּן.

אליהו הנביא

פול זיינע אויגן מיט ליבשאַפט און טרויער,
און אויף די ליפּן אַ שמייכל אַ ליבער,
און אין אַ פּעלצל פאַרשטעלט ווי אַ פּויער, —
גייט אליהו דורך אָרימע שטיבער.

מאַני לייב — וואונדער איבער וואונדער

האָבן די בליצן געפלאַקערט ווי שלאַנגען,
דונערן האָבן געברומט ווי די לייבן,
איז צו דעם וואַלד אליהו געגאַנגען
הויך זיינע הענט צו דעם הימל געהויבן.

— בוימער און חיות און הימלען און תהום׳ען,
מענטשן און ווערים געאַכפּערט און הייליק! —
זינגט אַ געזאַנג צו זיין אייביקן נאָמען!
קדוש, — אַז הייליק, אַז הייליק, אַז הייליק!

גייט ער אין וואַלד ניט אויף מענטשישע שטעגן.
ברענט דאָרט אַ בוים פון אַ דונער געטראָפן.
ליגט דאָרט אַ וואָלף פון דעם דונער, — ווי רעגן
לעבעדיק בלוט פון זיין וואונד איז געלאָפן.

—ער האָט פאַר פייער באַשאָפן די בוימער,
וואַרעמקייט געבן דער וועלט מיט די קינדער;
ער האָט באַשאַפן דעם וואָלף מיט דעם שומר
פּרואוון די שטילינקע שאָף מיט די רינדער!

וועלפעלע, וויין ניט, דו בייזינקער פעטער!
גלעט ער דעם קראַנקן און שטילט זיינע וואונדן,
און מיט אַ קרייטאַך און הייליקע בלעטער
האָט ער די אָפענע וואונדן פאַרבונדן.

מאַני לייב -- וואונדער איבער וואונדער

און פאַרן וואָלף שטייט ער לאַנג נאָך געבויגן.
בענטשט מיט אַ וואָרט אַז געזונט זאָל ער ווערן.
און ביי דעם וואָלף — ניט קיין וועלפישע אויגן —
ווי ביי אַ קינד מיט געלייטערטע טרערן.

און אין אַ פעלצל פאַרשטעלט ווי אַ פויער
און אויף די ליפּן אַ שמייכל אַ ליבער,
און זיינע אויגן מיט ליבשאַפט און טרויער
גייט ער צוריק צו די אָרימע שטיבער.



אליהו אין בית־המדרש

אידן זיצן אין בית־המדרש, לערנען תורה אויפן קול.
און אַ איד וואָס קען ניט לערנען זיצט און הערט ווי אַלעמאָל.

אויפן טיש אַ ליכטל רויכערט, וויגט די שאָטנס אויף די ווענט,
לויכט אויף אַלטע, געלע ספרים, אויף די אַלטע בערד און הענט.

און אין דרויסן דרייען ווינטן, דרייען שניי און טויטע קעלט.
נאָר די אידן לערנען תורה — רוען אין אַן אַנדער וועלט.

עפנט זיך די טיר פון פּאָליש; ווי אַ בעטלער אין דער שטיל,
שאַרט אַריין זיך אליהו, לייגט זיין טאָרבע אויפן דיל,

זעצט זיך ביי דעם אַלטן אויוון, וואַרעמט זיך די קאַלטע פיס,
הערט זיך צו ווי אידן לערנען — און זיין פּנים שמייכלט זיס.

— לערנט, לערנט, פרומע אידן, איר וועט האָבן אייער לוין...
פּלוצלינג שטעלט ער אַן אַן אויער און פאַרנעמט אַ שטיל געוויין.

ניט קיין חיה וויינט אין דרויסן, ניט אין קוימען וויינט דער ווינט,
נאָר פאַר מיילן אין אַ שטיבל וויינט אַ פרוי וואָס גייט צו־קינד.

שאַרט ער זיך אַוועק פון אויוון, נעמט די טאָרבע פונם דיל;
שטיל ווי ער איז אַנגעקומען ווערט ער נעלם אין דער שטיל.

מיט דער טאָרבע אויף דער פּלייצע לאָזט זיך אליהו גיין,
אין די ווינטן אין דער פינסטער גייט ער נאָך דעם שטיל געוויין.

קומט ער צו אַן אָרעם שטיבל — אין יסורים און אין זינד,
אַן אַ היטער, אַן אַ טרייסטער גייט אַ יונגע פרוי צו־קינד.

לויפט ער צו די פרעמדע שטיבער — ווי אַ פּאַסטוך רופט די שאָף
קלאַפּט ער אין די פרעמדע פענסטער, וועקט די ווייבער פונם שלאָף.

און די ווייבער פון די שטיבער אין דער פינסטער נעמען גיין,
טראָגן טרייסט צו יענעם שטיבל, הילף צו זייער בלוט און ביין.

און אין דרויסן דרייען ווינטן, דרייען שניי און טויטע קעלט,
און די אידן לערנען תורה — רוען אין אַן אַנדער וועלט.

און ביים אויוון אליהו וואַרימט זיך די קאַלטע פיס,
הערט זיך צו ווי אידן לערנען און זיין פּנים שמייכלט זיס.

אליהו דער קנעכט

טיף אין אַ וואַלד אויף אַ הינערשער פיסל
שטייט זיך אַ שטיבל די גרויס ווי אַ ניסל;
שטייט זיך דאָס שטיבל פאַרדרייט און פאַרוויינט,
וואוינט דאָרט אַ איד מיט זיין דלות און נויט.

שטייט אויף דער איד נאָך אין בלויען באַגינען
ברויט פאַר די קינדער אין מארק צו פאַרדינען,
קומט ער אין מארק און ער קוקט אויף די ווענט
קומט ער אַהיים מיט די ליידיקע הענט.

זעט שוין די ווייב ווי זיי זיינען דאָ אָרים,
טראָגט זי אין משכון פון אַלמער די ספרים.
טראָגט זי אין משכון די לייכטער פון שראַנק,
ביז זי פאַר׳משכנ׳ט איר דרשה-געשאַנק.

קינדערלאַך קליינע דעם הונגער צו שטילן —
טראָגט זי אין משכון דעם טלית און תפילין.
שטעלט זיך דער איד אויפן שוועל אין דער ברייט:
— אונז איז נאָך עפּעס פאַרבליבן אין נויט.

איך בין דער טאַטע און איך בין דער שפּייזער,
גיב מיר אַ זאַק וועל איך גיין אין די הייזער...
גייט ער אין הייזער און קוקט אויף די ווענט,
קומט ער צוריק מיט די ליידיקע הענט.

קינדערלאַך קליינע דעם הונגער צו שטילן,
נעמט שוין די מאַמע דעם טלית און תפילין.
לאָזט זי דער איד פונם שטיבל ניט גיין,
שטייט ער ביים שוועל מיט אַ ביטער געוויין:

— האָב זיך מיין ווייב איבער הייזער געטריבן
אין אונזער נויט איז נאָך עפּעס פאַרבליבן,
פיר פאַר קנעכט מיך פאַרקויפן אין מאַרק,
איך בין געזונט און מיין כח איז שטאַרק.

ווערט אינם שטיבל אַ גרויסע יללה:
נעמט אים די ווייב פאַר אַן עק פון זיין פּאָלע,
פירט פאַר אַ קנעכט צו פאַרקויפן איר מאַן.
גייט ער איר נאָך אויף אַן אייל מיט אַ שפּאַן.

און אויפן מאַרק — מיט די רענדלאַך אויף טאַצן,
שטייען די סוחרים און דינגען און שאַצן,
קויפן זיך קנעכט און פאַרקויפן די קנעכט,
צאָלן מיט רענדלאַך מזומן און עכט...

טראַכטן-באַטראַכטן די סוחרים דעם אידן.
בעט זיך די ווייב: בין אַ רענדל צופרידן...
— אויך מיר אַ סחורה! — פאַרדאַרט ווי אַ שטרוי,
ווערט איז דיין קנעכט נאָר די שאָל פון אַן איי!

גייען זיי ביידע אהיים צו די קינדער,
גייען זיי ביידע ווי עלנדע רינדער,
זיצן זיי ביידע ביים וואַלד אויפן וועג,
וויינען זיי ביטער אויף זייערע טעג.

מאַני לייב -- וואונדער איבער וואונדער

האָט אליהו דאָס וויינען פאַרנומען,
איז ער פון וויטע נסיעות געקומען,
באָרוויס, און יונג אין אַ גויאישער העמד,
קענטיק אַ מענטש וואָס ער קומט פון דער פרעמד.

טרייסט ער זיי ביידן די שווערע געמיטער:
— פינסטער דעם טויטן — דעם אביון איז ביטער,
איר וועט נאָך לעבן אין נחת און גליק...
און ער נעמט שלעפּן פון בוזים אַ שטריק.

— איך בין אַ קנעכט פון מיין האַרן אַנטלאָפן,
טעג ניט געגעסן און נעכט ניט געשלאָפן,
טאָמער אין פאַנג וועט מיך האָבן מיין האַר,
וועל איך שוין האָבן מיין פינסטערן שכר.

נעמט אָט די שטריק און פאַרבינדט אין צוויי שלייפן,
פירט מיך אין מאַרק פאַר אַ קנעכט צו פאַרקויפן,
לאָזט זיך ניט נאַרן, ווייל גרויס איז מיין ווערט,
מיר איז דאָך סיי ווי מיין קנעכטשאַפט באַשערט!

בינדן זיי ביידע די שטריק אין צוויי שלייפן,
פירן זיי ביידע דעם קנעכט צו פאַרקויפן:
איינמאָל אַ קנעכט! — האָט דערפרייט זיך דער מאַרק:
דעמבעס די הענט און פון אייזן דער קאַרק.

האָבן די סוחרים זיך לאַנג ניט געדונגען,
האָבן די גאָלדענע רענדלאַך געקלונגען,
און פאַר'ן קנעכט האָט מען תיכף באַצאָלט
וויפיל דער איד מיט'ן ווייב האָט געוואָלט.

טרייסט ער זיי ביידן די שווערע געמיטער...

אליהו גיט עסן די טויבן

אין דער שעה ווען דער צער און דער אומגליק
פאַרלירן די שליטה אויף מענטשן,
קומט צוגיין אויפן מאַרק אליהו,
אויף דער פּלייצע אַ זעקל מיט גרויפּן,
געבן עסן פון מאַרק אַלע טויבן.

— קומט אַהער אַלע פאַרכמאַרעטע טויבן,
געהייליקטע פייגל פון פרידן! —
און ער שיט אויפן שניי ווי אַ זייער
פון זיין זעקל מיט אָפענע הויפנס
פאַר די טויבן די ברוינלאַכע גרויפּן.

קומען אָן פונם מאַרק אַלע טויבן;
זיי קומען מיט פאַרכמאַרעטע ברומען
און זיי רינגלען אַרום אליהו'ן
און זיי קלייבן פון שניי אויף די גרויפּן
און זיי פלאַטערן אויף זיינע אַקסלען.

און אַז פּלוצלינג פאַרנעמט אליהו
פון ערגעץ אַ רוף פון סכנה, —
טרייבט ער אָפּ מיטן זעקל די טויבן,
טוט זיין באָרד אין דער זון נאָר אַ טרייסל,
און ווערט נעלם אין שניי אין די ווייטן.

דער קאַרגער

דער קאַרגער

[אַ מעשה'לע]

האָב איך מיר אַ קאַץ אַ ווייסע,
היט זי מיר מײַן הויז.
האָט מײַן קאַץ געהערט די מעשה
פֿון אַ קלוגער מויז;

יענע איז אַרײַנגעפֿאַלן:
ווײַס זי אַז מײַן קאַץ
איז אויף מעשיות גאָר אַ בעלן,
טוט זי זיך אַ קראַץ:

— וועל אַ מעשה דיר דערציילן —
אויב דו לאָזט מיך אָפּ —
פֿון אַ קאַרגן אין די היילן...
אָבער הער מיט קאָפּ!

זיץ איך מיר אַזוי בײַם אויוון,
וואַרעם זיך די קני:
— ביזט אויף מעשיות דאָך אַ מבין —
ווי געפֿעלט דיר די? —

זאָגט צו מיר מײַן קאַץ די ווײַסע,
און אַ צענטל טייל
מיר פֿאַרציילט פֿון יענער מעשה,
אָט ווי איך דערצייל.

* * *

מאַני לייב -- וואונדער איבער וואונדער

וואוינט דער קאַרגער אין אַ מויער,
אין אַ טיפן טאָל.
הענגען שלעסער אויף זיין טויער,
פון דעם שטאַרקסטן שטאָל.

אין דעם מויער — זיבן טירן,
שלעסער — אַז ניט צייל;
און ניט צייל די טרעפּ וואָס פירן
אין אַ טיפער הייל.

דאָרטן שטייט אַ שטול אַ הויכער.
און עם צאַנקט אַ קנויט.
און דער קאַרגער זיצט אַ בלייכער,
זיפצט אין שווערער נויט.

רענדלאַך — אָנגעשטאָפּטע פּעסער,
אָנגעפּאַקט די הייל;
אויף די פּעסער הענגען שלעסער,
שלעסער — אַז ניט צייל!

נאָר געבויגן זיינע פּלייצעס,
זיצט ער זיך און וואַכט,
היט כסדר זיינע אוצרות,
היט זיי טאָג און נאַכט.

קלעפּן אים פון שלאָף די אויגן—
שלאָפן — אַ געשעפט.
שרעקט זיך שלאָפן זיך צו לייגן,
מאַלע וואָס עס טרעפט.

אזוי זיצט ער כמה יאָרן,
ביז ער ווערט שוין אַלט,
ביז זיין באָרד איז גרוי געוואָרן,
און די אויגן קאַלט.

ביז — פון דאָרטן, צי פון דאַנען,
ווי אַ בייזע שטראָף —
ווייס דער גוטער יאָר פון וואַנען
אים באַפאַלט דער שלאָף.

זעט דער קאַרגער אַז ס'איז ביטער,
אַז ער ווערט שוין שוואַך,
אַז ער דאַרף אַ גוטן היטער,
וואָס זאָל האַלטן וואַך.

איז דעם קאַרגן אָבער ביטער;
אַלץ איז דאָ אין קאָן, —
טאָמער גנב'עט וואָס דער היטער, —
איז וואָס זאָל ער טאָן?

קנייטשט ער טיף דעם אַלטן שטערן,
ביז עס פאַלט אים איין:
אַז דער היטער דאַרף ניט הערן: —
זאָל אַ טויבער זיין.

נאָר אַ טויבער האָט דאָך אויגן, —
קלערט ער און ער קלערט:
וואָלט אַ בלינדער בעסער טויגן,
נאָר אַ בלינדער הערט...

איז דעם קאַרגן ווידער ביטער.
ביז עס פאַלט אים איין:
טויב און בלינד זאָל זיין דער היטער!
און אַזוי זאָל זיין!

וואו די מאה — דאָרט די דעה:
מיט אַ בעטל זאַק,
מיט דער היטל ביז דער פאה,
— אין אַ לייבסערדאַק,

גייט דער קאַרגער נאָך אַ היטער
אין דעם מאַרק אַרוים.
שטייען היטער ווי די ריטער:
קלייב אַ היטער אויס!

האָט דער קאַרגער זיך דערשראָקן;
— היטער ניט פאַר מיר!
כ׳דאַרף אַ בלינדן טויבן פלאָקן, —
איך בין ניט קיין גביר...

— ועמעס בייטל איז געשוואָלן —
יענעמס בייטל צאָלט:
ניט פאַר מיר אייך צו באַצאָלן,
וואָס איר וואָלט געוואָלט...

גייט דער קאַרגער דורכ׳ן עולם,
און אָט זעט ער דאָרט:
שטייט אַ בלינדער ווי אַ גולם,
מיט אַ ווייסער באָרד.

גייט דער קאַרגער צו צום היטער...

רעדלאַך — קעפּ אויף קעפּ געבויגן,
שטייען גוטע לייט;
און דער בלינדער גלאָצט די אויגן,
רופט צו זיי און שרייט:

— מענטשן, נעמט מיך פאַר אַ היטער!
איך בין טויב און בלינד,
בין אַ היטער אַ געניטער,
ווי איז מיר און ווינד!

גייט דער קאַרגער צו צום היטער,
שרייט צו אים אַריין;
— אוי דו היטער, דו געניטער,
וועסט מיין היטער זיין!

און ער נעמט אים פאַר די פּאַלעס,
און דער בלינדער גייט;
לאַנגע פּאָלעס ווי דער גלות,
זיבן זעק די ברייט.

פירט ער אים צו זיך אין מויער,
פירט אים דורכ׳ן מאַרק,
און ער שרייט אים אויפ׳ן אויער:
— דו געפעלסט מיר שטאַרק!

אַלע זיבן יאָר אַ רענדל —
ווייס נאָר איין און אוים,
אָדער אויף אַ דאָרן שפּענדל
וואַרף איך דיך אַרוים!

טאַמער וועל איך פאַלן שלאָפן,
און איך שלאָף שוין זיס,
און אַז עפּעס וואָס געטראָפן, —
קיצל מיר די פיס.

עסן ? — וועל דיר געבן עסן
פויגל-מילך אַ בלאָז ;
טאַמער וועל איך זיך פאַרגעסן —
שנעל מיר אין דער נאָז !

אויב דו קאָנסט קאַרטאָפל שיילן, —
וואָלט אויך ניט געשאַדט...
— שייך — מיין שיילן — איבער פוילן
האָט אַ שם געהאַט...

ברענגט דער קאַרגער אונזער היטער
אין דער טיפער הייל :
— היט דו היטער, דו געניטער,
און קאַרטאָפל שייל !

שיילט דער היטער די קאַרטאָפל —
און דער קאַרגער עסט.
ווערט דעם היטער זייער שפל :
ניט קיין שלעכטע קעסט...

— באַלעבאָס, איך וואָלט געגעסן
פויגל-מילך אַ בלאָז —
נאָר דו האָסט אויף מיר פאַרגעסן, —
שטעל זשע אָן דיין נאָז !

— גוט, איך שטעל די נאָז דיר אונטער...
און דער היטער שנעלט,
ביז די נאָז ווערט רויט ווי צונטער,
נאָר דער קאַרגער קוועלט:

— איצטער היט און איך וועל שלאָפן,
זאָג דיר ווידער אָן; —
טאָמער עפּעס וואָס געטראָפן, —
ווייסט דאָך וואָס צו טאָן.

נאָך אַ טאָג אַזאַ אַ שווערן
שלאָפט דער קאַרגער איין.
היט דער היטער גוט און גערן
ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

די גנבים און גזלנים
פילן זייער שרעק,
און זיי ליגן זיך הפנים
ערגעץ אין אַ העק.

טרעפט גאָר אַז אַ בין אַ פליטער
פלאַטערט דאָ און דאָרט,
און זי טוט אַ בים דעם היטער
אין אַ ווייכן אָרט...

— ע... גזלנים... — טראַכט דער היטער,
קראַצט ער זיך דעם בים,
און צום קאַרגן, אַ געניטער,
קיצלט אים די פּים.

שפּרינגט דער קאַרגער אויף אין צאָרן:
— ווי, און וואָס און ווען?
איז אים תיכּף גוט געוואָרן:
אַלץ איז ווי געווען.

שטייען פולע אַלע פעסער
און עס צאַנקט דער קנויט.
קוקט ער איבער אַלע שלעסער,
און ער זיפצט אין נויט.

און אַ מייזל שלעפּט אַ שטיינדל
צו איר לאָך אין דיל,
זעגט דעם שטיינדל מיט איר ציינדל
ווי אַ שטילע גריל.

גייט דער קאַרגער ווידער שלאָפן
און דער היטער היט.
— האָב אַ היטער אָנגעטראָפן,
בעסערס דאַרף איך ניט.

עסן וועט ער מיר ניט קאָסטן...
מילא... קאָסט ער נאָר,
נאָר אַ רענדל אַ פאַרדאָסטן
אַלע זיבן יאָר...

גייען זיך אַזוי די יאָרן,
איז דעם קאַרגן וואויל,
נאָר זיין נאָז איז אים געוואָרן
ווי אַ גרויסע קנויל.

און דער היטער שיילט קאַרטאָפל,
עסן — עסט ער ניט:
כאַטש פון הונגער איז שפל,
נאָר ער שטייט און היט.

אָפּגעדינט די יאָר די זיבן,
דאַרף דער היטער גיין.
צוגעגרייט זיך, צוגעקליבן
און ער בעט זיין לוין.

ווערט דעם קאַרגן זייער ביטער.
אים באַפאַלט אַ שרעק:
אי אַ רענדעל, אי דער היטער
גייען אים אַוועק...
— גיין זיך אויף דער עלטער טרייבן...
אפשר ווילסטו גאָר
נאָך אויף זיבן יאָר פאַרבלייבן?
וואָס איז זיבן יאָר?

וועל דיר נאָך אַ רענדל געבן,
איינס און איינס איז צוויי. —
אַז מיר וועלן נאָר דערלעבן —
דעמאָלט נעם און גיי!

לאָזט דער היטער זיך ניט ריידן:
אַז ווער שמועסט גאָר...
ווייל ס׳איז ליב און ניחאביידן —
איז נאָך זיבן יאָר!

האָט זיך גאָר נישט ניט געביטן —
ניט געווען כדאַי;
בלייבט דער היטער ווייטער היטן
און ער איז געטריי.

און ווי פריער שיילט קאַרטאָפל,
עסן — עסט ער ניט,
כאָטש פון הונגער איז אים שפל,
נאָר ער שטייט און היט.

און זיין שנעלן אויף דער עלטער
ווערט פאַרבעסערט אויך,
אין די נאָז דעם קאַרגן שנעלט ער,
אַזש עס גייט אַ רויך.

און ביים קאַרגן דורך די יאָרן
וואַקסט די נאָז אים אויס,
ביז זיין נאָז איז אים געוואָרן
ווי אַ קירבעס גרויס.

וואָלט ער וואָס אין דרויסן דאַרפן —
לאָזט די נאָז ניט גיין, —
סיידן נעם די הייל צעוואַרפן,
ווייל די טיר איז קליין.

זאָל די נאָז אים וואַקסן גרעסער,
דאָס איז אים די שטראָף! —
נאָר מיר ווילן הערן בעסער,
ווי געווען דער סוף.

אַך, דער סוף איז גאָר ניט פריילאַך!
אין דער הייל, אין דיל,
האָט געוואוינט אַ מויז אַ מלך,
רואיג, שאַ און שטיל.

איינמאָל אין אַ טאָג אַ שיינעם,
פאָרט די מויז צוגאַסט
צו די מייז מלאכים שכנים,
ווי אַ מלך פּאַסט.

און וואוהין זי איז געקומען,
און אין וועלכן קאַנט,
האָט מען פיין זי אויפגענומען,
מיט אַ ברייטער האַנט.

אויבן-אָן איז זי געזעסן
און געטרונקען וויין,
נים געקנאַקט און טאָרט געגעסן
ביז אין טאָג אריין.

אַז מען איז שוין גרייט צו פאָרן —
ווארט די פור ביים הויף —
אונזער מויז איז ברייט געוואָרן,
און זי שטעלט זיך אויף.

— איצט פאַרבעט איך אין מיין נאָמען:
אַלע ליבע געסט,
זיינען אין מיין הויף ווילקאָמען, —
ניטל — ניט פאַרגעסט!

איז די מויז אַהיים געקומען,
רופט זי אירע מייז:
אַלע מייז צונויפגענומען
אין אַן ענגען קרייז:

נעמט זי מיטן פּיסקל דרייען,
פירן מיטן עק
אַז די מייז צעטומלט שטייען,
ציטערן אין שרעק.

און אַליין — זי ברענט אין צאָרן:
— וואָס געווען — געווען! —
בין אין הויפן אומגעפאָרן,
האָב זיך אָנגעזען. —

דאַרף זיך אייער מלך שעמען? —
ניטל קומען געסט,
קומט מיר אוים זיי אויפצונעמען
אין אַזאַ מין נעסט!

ניט קיין לאָך מיט זיבן שפּענדלאַך,
ווי אַ פּייג די גרוים, —
נאָר אַ פּאַלאַץ — גאָלד און רענדלאַך,
בויט מיר תיכף אוים!

בויט אַ פּאַלאַץ פון פּאַלאַצן —
פריער קוקט און מעסט —
אַז פון קנאה זאָלן פּלאַצן
אַלע מיינע געסט...

לויפן אום די מייז פאַר׳סמ׳טע,
זוכן גאָלד אין מיסט,
און פאַרטרויערט און פאַרפלאָמטע
זוכן זיי אומזיסט.

זעט אַ מייזל זייער טרויער: —
— זעט ווי איך בין קלוג! —
ביי דעם קאַרגן אין דעם מויער
איז דאָ גאָלד גענוג.

רענדלאַך האָט ער פולע פעסער,
אַט אַזוי די הויך! —
נאָר ער האַלט זיי אונטער שלעסער,
האָט אַ היטער אויך!

נעמען זיי פון פרייד זיך קוליען:
— גאָט האָט דיך געבראַכט!
און זיי טאַנצן און זיי הוליען
ביז עס קומט די נאַכט.

———

גייט ביינאַכט דער קאַרגער שלאָפן
און דער היטער היט, —
זיינען מייז דאָ אָנגעלאָפן
מיט די שטילע טריט;

מיט די נעזלאַך, מיט די חנ׳דלאַך,
שמעקן זיי דעם דיל,
און די פעסער מיט די ציינדלאַך
זעגן אין דער שטיל.



און זיי נעמען רענדלאַך שלעפּן,
שלעפּן אַלץ אַרוים;
און זיי בויען און זיי קלעפּן
זייער פּאַלאַץ אוים.

בויען, קלעפּן, זעגן, פּיילן,
ברענט זיי אין די הענט;
גאָלד — די דילן, גאָלד — די זיילן,
גאָלד — די אַלע ווענט.

ניטל איז דער פּאַלאַץ פאַרטיק.
קומען אָן די געסט
און זיי גאַפן: ווי גרויסאַרטיק! —
כאַטש די קנאה פרעסט...

טאַנצן געסט אין אַלע זאַלן,
טרינקען, קנאַקן ניס,
ביז די אַלע מייז צעפאַלן
שכור פון די פיס.

———

ווען זיין אומגליק האָט געטראָפן,
איז אין יענער צייט
אונזער קאַרגער זיך געשלאָפן
אויף זיין רעכטער זייט.

און דער היטער דער געניטער,
וואו איז ער געוועזן? —
ניט געהערט האָט אונזער היטער
און האָט ניט געזען.

ווייל דער היטער איז געשטאָרבן
נאָך אין יענער נאַכט;
איז געשטאָרבן ווי אַ קרבן,
ניט פאַר אונז געדאַכט.

פרעג אַ קשיה אויף אַ מעשה:
איינע פון די מייז
זעט: עס שטייט אַ באָרד אַ ווייסע
פון אַן אַלטן גרייז,

ווייל זי אָפּטאָן דאָ אַ שפּיצל:
טוט איר עק אַ צי,
גיט דער ווייסער באָרד אַ קיצל,
און — זי איז ניט הי.

און דער היטער שיילט קאַרטאָפל...

צי איז ער פון שרעק געשטאָרבן —
צי פון הונגער שוואַך —
נאָר געשטאָרבן ווי אַ קרבן,
ערלאַך, אויף דער וואַך.

ווען די מעשה איז פאַרלאָפן,
איז אין יענער צייט
אונזער קאַרגער זיך געשלאָפן
אויף דער לינקער זייט.

און אַז ער איז אויפגעשטאַנען, —
נו, האָט ער געהאַט!
תיכף האָט ער דאָ פאַרשטאַנען: —
עפּעס איז ניט גלאַט.

רייבט ער זיך די אַלטע אויגן:
זעט ער: אויפ'ן דיל
ליגט דער היטער אויסגעצויגן
טויט, ווי טויטע שטיל.

לויפט ער פרואוון אַלע שלעסער,
אַלע זיינען דאָ:
נאָר די רענדלאַך אין די פעסער
זיינען שוין ניטאָ!

וויל ער לויפן שרייען, וועקן
מיט אַ גרויס געוויין,
בלייבט אין טיר די נאָז אים שטעקן,
ווייל די טיר איז קליין.

איז ער דאָרט אַזוי פֿאַרבליבן
מיט דער נאָז אין טיר.
שטייט אַ טאָג און דריי און זיבן, —
וויפֿיל איז דער שיעור?

ווײַנט ער אויף זײַן מזל ביטער,
בלײַבט ער מיט אַ נאָז;
עסן — עסט ער וואָס זײַן היטער —
פ ו י ג ל מ י ל ך אַ ב ל אָ ז .

* * *

בעת עס איז דעם קאַרגן ביטער
מיט זײַן גרויסער נאָז —
און ער עסט נאָר וואָס זײַן היטער
פֿויגל מילך אַ בלאָז —

נעם איך מיר מײַן נאָז באַטאַפּן...
מוחל אַזאַ סוף!
און חלילה ניט צו כאַפּן
אונזער קאַרגנ׳ס שטראָף, —

האָב איך מילך אַ פֿולע שיסל
פֿאַר מײַן קאַץ דערלאַנגט.
האָט זי מיר דערלאַנגט איר פּיסל
און האָט מיר באַדאַנקט.

אַ ליד
פון אַ נאַר

דער נאַר

[אַ מעשה'לע]

אַ מתנה מיין טאָכטער עטלען

זינגט-זשע קינדער אַלע פריילאַך,
פון דעם מלך אלי-מלך;

פון זיין טאָכטער מלא חן,
שענער פון דעם מלך'ס קרוין. —

ווי די טאָכטער פון דעם מלך
האָט געמאַכט זיין עלטער פריילאַך —

נאָכדעם זינגען מיר דערפאַר
אונזער ליד פון אונזער נאַר!

איז אַמיל-אַמאָל, פאַרצייטן,
ערגעץ אין אַ לאַנד אַ ווייטן,

אין אַ שטיבל זיבן שפאַן.
האָט געוואוינט אַן אָרימאַן;

האָט געוואוינט מיט ווייב און קינדער,
מיט אַ טאַטן — שוין אַ בלינדער;

מיט דער פייפנדיגער נויט —
ווי אַ הונט וואָס אויף דער קייט.

איידער ערגעץ אין אַ פענצטער
לייכט אַ פייערל אַ קלענסטער,

מיט'ן קריי פון ערשטן האָן, —
טוט דער אָרימאַן זיך אָן:

טוט ער אָן די אַלטע שמאַטעס
און די שטיוועל הײלע לאַטעס,

און ער דאַווענט אָפּ געשמאַק,
און ער נעמט זיין גרויסע האַק.

איטלעכער ערגעץ איז אַ שכן
פון זיין שלאָף אַרויסגעקראָכן,

גייט ער שוין אין וואַלד אַריין,
בויגט די מידע פּלייצע איין,

האַקט ער שפּענער, — צו פאַרקויפן
איבער פרעמדע ווייטע הויפן.

האַקט ער שפּענער מיט דער האַק,
און פאַרבינדט זיי אין אַ פּאַק.

און אין שטיבעל, — אַז די קינדער,
קליינע הונגעריקע רינדער, —

פלעגן אויפשטיין מיטן טאָג,
פלעגן אויפשטיין מיט אַ קלאָג,

פלעגן בעטן: — עסן, עסן! —
איז אין ווינקל זיך געזעסן

זייער פייפנדיקע נויט
און זי האָט זיך שטאַרק געפרייט.

זי פלעגט אין איר ווינקל זיצן,
מיט די בייזע אויגן בליצן,

גלעטן זיך דעם שוואַרצן עק,
מיטן צונג זיך אַ באַלעק,

אין אַ פּייפל אים פאַרשטייפן,
און פלעגט פייפן, פייפן , פייפן,

פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט,
פייפן, — אַז ניט־דאַ־געדאַכט !

איז דער עלטסטער פון די קינדער —
פון די הונגעריגע רינדער,

און צו טאַטע מאַמע׳ם צער —
איז געווען אַ גרויסער נאַר ;

ניט צו לערנען פון אַ גרויסן,
טאָן וואָס טאַטע־מאַמע הייסן,

אָדער עפעס טאָן אַליין,
ניט אין חדר לערנען גיין,

ניט צו בעטלען מיטן בלינדן,
ניט אַ קאַץ אַן עק פאַרבינדן.

האָט מען אים גערופן נאַר :
נאַר דעם קוימען גיי פאַרשפּאַר !

איינס האָט נאַר געקענט דאָס אינגל :
ער פלעגט צוציען דעם צינגל,

צו די ליפן צוגעדרייט,
ווי די פייפנדיגע נויט

אין אַ פייפל אים פאַרשטייפן,
און פלעגט נעמען פייפן, פייפן

ווי אַ וואונדערליכע פלייט
אַלע לידער פון דער נויט.

און אין שטיבל, — אַלע קינדער,
טאַטע-מאַמע און דער בלינדער

און די שכנים — קינד און קויט, —
האָרכן, הערן פון דער נויט

ווי ער פייפט די אַלע לידער:
און אין אַלע, אַלע גלידער

פרייד צעגייט און טרייסט צעגייט,
זייער לעבן ווערט דערפרייט.

צער און צרות ווערן גרינגער,
אַלטע, גרויע ווערן אינגער,

קינדער בעטן ניט קיין ברויט,
אינם ווינקל שטומט די נויט,

און אַ מיידל זעט איר חלום, —
ווי איר חתן קומט בשלום.

און דער בלינדער זעט די שיין. —
אַזאַ וואונדער פלעגט עס זיין.

אָפּגעפּייפט, — דער נאַר ווי שטענדיק
נעמט ער בלאָזן ווי אַן ענדיק,

נעמט ער קרייען ווי אַ האָן,
רייסט זיך אויפן העכסטן צאָן.

פרעמדע מענטשן קוקן, לאַכן
ווי ער טוט זיך נאַריש מאַכן,

לאַכן זיך אין באָרד אַריין:
ווער קיין לייט פון אים ניט זיין...

אָבער מיט אַ זיפץ אַ שווערן,
אָפטער נאָך מיט שטילע טרערן,

זאָל קיין פרעמדע אויג ניט זען —
ווייל ס'איז זייער בראָך געווען, —

פלעגן טאַטע-מאַמע קלאָגן,
קלאָגן, און אין האַרצן טראָגן

זייער בראָך און זייער צער,
זייער צער פון זייער נאַר.

און דער נאַר — ער וואַקסט אויף הייוון;
קליין פאַר אים דער אויפ'ן-אויוון,

שוין פאַר אים דאָס שטיבל קליין;
דאַרף ער שטיין צי דאַרף ער גיין —

נעמט זיין קאָפּ דעם באַלקן שפּאַרן,
און דעם נאַר — אים זאָל עס אַרן.

נאָר ווי גרויס עס וואַקסט דער נאַר,
וואַקסט דער טאַטע-מאַמע'ס צער.

ניט אין נחת, ניט אין פריידן,
נעמען טאַטע-מאַמע ריידן

וועגן תכלית פונם קינד, —
ווייל אַ קינד איז ניט קיין רינד —

און זייריידן און זיי קלערן,
קלערן, קלערן און באַקלערן:

אין דער ווייטער וועלט אַריין,
זאָל דעם אינגל'ס תכלית זיין!

טוט דער טאַטע אוים אַ שמאַטע,
מאַמע לעגט אויף דעם אַ לאַטע

און מען טוט דעם נאַר עס אָן.
איז דער נאַר שוין אנגעטאָן.

און מען גיט אים ברויט פאַרדאַרטן
און אַ גראָשן געלט אַ האַרטן.

— גיי געזונט! און טרינק און עס!
טאַטע־מאַמע ניט פאַרגעס!

אָן געוויין און אָן פאַריבל,
גייט דער נאַר אַרויס פון שטיבל,

גייט און קייט דעם דאַרן ברויט
גייט ער זיך געזונטערהייט.

קאַלט און ווינטיג איז דער מאָרגן.
נאַר דער מאָרגן האָט דערוואָרגן

אַלע ווינטן ביי דעם פלויט,
ליגן אַלע ווינטן טויט.

און דער קלויסטער ווי אַ גולם
שטייט פאַרריסן מיט זיין צלם

איבער שטיבער אין דער הויך;
פון אַ קוימען דרייט אַ רויך,

בילט אַ הינטל פאַר אַ טויער,
מיט אַ טאָרבע קריכט אַ פויער.

און דער נאַר — ער גייט און גייט
אין דער ווייט און אין דער ברייט.

זינגט-זשע קינדער אַלע פריילאַך
פון דעם מלך אלי-מלך!

פון זיין טאָכטער מלא חן
ווי די זיבען זונען שיין.

פון דעם נאַר וואָס איז געבליבן
ווי דער ווינט אין פעלד געטריבן!

טאַקע זינגען מיר דערפאַר
אונזער ליד פון אונזער נאַר!

ווי די ווינטן ווייען פרייע —
האָט איר נאָרע יעדע חיה,

יעדער פויגעל האָט זיין נעסט —
האַלט די פייגעלאַך אויף קעסט;

אויך די שלאַנגען האָבן היילן;
אויך די פיש, וואָס ניט צוציילן,

האָט איר וואַסער און איר טייך,
ווייל די גרויסע וועלט איז רייך.

און דער נאַר — ער איז געוואַקסן
אין זאַווייען און אין שלאַקסן,

וואו גענעכטיגט, וואו געטאָגט,
וואו געפלאָגט און וואו געיאָגט.

נאַר זיין שפייז האָט אויך דער וואָרים,
אויך דער וואָרים פון די קברים;

און דער נאַר — כאָטש ניט צו־זאַט,
ברויט און וואַסער האָט געהאַט.

———

הינטער לאַנען, הינטער פעלדער,
הינטער טייכן, הינטער וועלדער,

ליגן אין גאָטס וויט און ברייט
די ישובים אויסגעשפּרייט,

מיט בית־עולמס, און מיט קברים,
שטיבער, שולן און קלייסטאָרים

מערק און הויפן, הינט און קי,
און מיט בלאָטעס ביז די קני.

לעבט מען, קריכט מען אין די בלאָטעס; —
אידן פרומע אין קאַפּאָטעס,

גוים מיט די הוילע קעפּ,
גויעס מיט די לאַנגע צעפּ.

כלה־מיידלאַך ווי די קנוידלאַך
אין געבלומטע ברייטע קליידלאַך,

בחורימלאַך אויף טאַטנס ברויט
מיט די פּיאות'לאַך פאַרדרייט,

קינדער באָרוויסע ווי העזלאַך
מיט די בלעזלאַך פון די נעזלאַך,

בלינדע בעטלער מיט די זעק,
און די ווייבער מיט די פעק, —

גאָט זאָל נאָר פּרנסה געבן,
גרויסן נחת צו דערלעבן, —

לעבט מען אויף דער שיינער וועלט
מיטן דלות אויסגעשטעלט.

יענער אַקערט, יענער האַנדלט,
יענער לערנט ,יענער וואַנדלט,

יענער האַקט און יענער נייט,
און מען עסט דעם שטיקל ברויט.

און דער נאַר — ווי אויסגעשניטן —
מיט דער אַקס צי מיטן שליטן,

שקאָצל קומט! — אַ גאַסט איז דאָ! —
קומט ער אין אַ גוטער שעה.

עפענען זיך אַלע הויפן,
פון די הויפן קינדער לויפן,

פייפן, שרייען נאָך דעם נאַר:
נאַר, דעם קוימען גיי פאַרשפּאַר!

און דעם נאַר — אים זאָל עס אַרן;
לאָזט דעם נאַר זיך צוצושפּאַרן,

וועט ער ווייזן וואָס ער קען,
אַז אַזוינס איז ניט געווען!

האַק און פּאַק און אַלע זאָרגן
לאָזט מען איבער באַלד אויף מאָרגן,

און אין מאַרק צי אין אַ הויף
קלייבן מענטשן זיך צונויף.

אוּן דער נאַר — ער פייפט שוין ווידער,
פייפט און פייפט די אַלע לידער

ווי אַ וואונדערלאַכע פליט
אַלע לידער פון דער נויט.

שווייגן שטילינקע די אינגלאַך,
בייסן מיט די ציין די צינגלאַך,

און די גרויע, קלוגע לייט
שמייכלען, זיפצן אין אַ זייט.

מיידלאַך קוקן פון די שויבן
און זיי כליפּען ווי די טויבן.

ווייבער ווישן הין און הער
מיטן פאַרטאַך זייער טרער.

און דער הענדלער מיט זיין האַנדל,
און דער דרייער מיט זיין וואַנדל,

און דער שוסטער מיט זיין אַל,
און דער חזן מיט זיין קול,

און דער שניידער מיט זיין נאָדל,
און דער יחסן, און דער גדול,

און דער פויער מיט זיין האַק,
און דער בעטלער מיט זיין זאַק, —

אַלע שטייען האָרכן, הערן,
שלינגען אין דער שטיל די טרערן,

ווייל דאָס האַרץ איז זיי דערפרייט,
ווייל זיי ווייסן פון דער נויט.

אָפּגעפּייפּט — אַ נאַר ווי שטענדיק,
נעמט ער בלאָזן ווי אַן ענדיק,

נעמט ער קרייען ווי אַ האָן,
רייסט זיך אויפן העכסטן צאָן.

מוזן פרעמדע מענטשן לאַכן
ווי ער טוט זיך נאַריש מאַכן.

נאָר מען גיט אים ברויט צו זעט
און אויף נאַכט אַ האַרטע ברעט.

און דער נאַר — אַ יונג מיט ביינער —
וואַקסט ער ווי אַ בוים אַ שיינער,

און זיין שם ווערט אויך פאַרשפּרייט
אין דער ווייט און אין דער ברייט.

ווייט, אויף זיינע וועגן־שטעגן,
קומען אָפּט דעם נאַר אַנטקעגן

פון דער ברייט און פון דער ווייט
פרעמדע לייט און בעטלער־לייט,

מיט די בערד און מיט די טאָרבעס,
מיט די טאָרבעס אויף די האָרבעס,

שטויב און שמאַטעס אויף די לענד
און מיט קוליעס אין די הענט.

נעמען זיי אַראָפּ די טאָרבעס,
גלייכן אוים די מידע האָרבעס,

יעדער איינער זיפצט זיך אָפּ,
לאָזט זיך אויף דער ערד אַראָפּ.

און דער נאַר — ווי אויסגעשניטן —
זיצט ער שוין מיט זיי אין מיטן,

איז מיט זיי שוין איינס מיט צוויי,
עסט מיט זיי און טרינקט מיט זיי.

אָפּגעזיפּצט און אָפּגעגעסן —
ווערן צרות באַלד פֿאַרגעסן,

גלעט מען זיך די ברייטע בערד,
ליגט מען רוען אויף דער ערד.

שמועסט מען פֿון ווייטע וועגן,
פֿונם וואַגלעניש אויף שטעגן;

מענטשן האָבן אַלץ געזען,
ווייטע וועלטן אויסגעוועז,

ביז דער שמועס ווערט דערעסן,
און דער נאַר איז דאָ געזעסן,

בעט מען: — פֿייף אונז עפּעס נאַר,
און פֿאַרטרייב אונז אונזער צער!

און דער נאַר — ער פֿייפֿט שוין ווידער
פֿייפֿט און פֿייפֿט די אַלע לידער,

ווי אַ וואונדערלאַכע פֿלייט
זיינע לידער פֿון דער נויט.

אַלע שווייגן, האָרכן, הערן:
איינעם קייקלען זיך די טרערן

אויפֿן באָרד און צו די פֿיס.
און אַ צווייטער שמייכלט זיס;

איינער זיינע אויגן זשמורעט,
איינער זיינע ברעמען כמורעט,

און נאָך איינער מיט אַמאָל
וויינט פון גוטסקייט אויפן קול.

אָפּגעפּייפט — דער נאַר ווי שטענדיג,
נעמט ער בלאָזן ווי אַן ענדיק,

נעמט ער קרייען ווי אַ האָן,
רייסט זיך אויפן העכסטן צאָן.

פרעמדע מענטשן מוזן לאַכן
ווי ער טוט זיך נאַריש מאַכן.

נאָר זיי דאַרפן ווייטער גיין,
לאָזן זיי דעם נאַר אַליין.

און דער נאַר — אַ יונג מיט ביינער,
וואַקסט ער ווי אַ בוים אַ שיינער,

און זיין שם ווערט דאָך פאַרשפּרייט
אין דער ווייט און אין דער ברייט.

אויף די ברייטע, ווייטע שליאַכן
פירן סוחרים גוטע זאַכן

אויף יריד'ן און אויף מערק,
גוטע זאַכן גאַנצע בערג.

און אויף מערק און אויף יריד'ן,
קומען סוחרים, קומען אידן,

און מען טומלט און מען לויפט
און מען קויפט און מען פאַרקויפט.

סוחרים האַנדלען, שרייען, דינגען
מזומנים רענדלאַך קלינגען,

מיט דער מאָס און אויף דער וואָג;
און אַזוי אַ גאַנצן טאָג.

און דער נאַר — ווי אויסגעשניטן —
דרייט זיך דאָ אַרום אין מיטן.

ניט ער קויפט און ניט ער שרייט, —
האַלט אַ שטיקל ברויט און קייט.

ביז מען נעמט די פורן שפּאַנען.
ווער מיט פערד און ווער מיט באַנען, —

און אַן אָרימאַן אַ איד
שלעפּט צופוס זיך פון יריד.

אַלע זוכן אָפּצורוען:
סוחרים ווייסן וואָס זיי טוען,

קומען נאָך אַזוינע טעג . . .
וויאָ, צו קרעטשמעס אויפ׳ן וועג!

און אין קרעטשמעס זיצן אידן,
סוחרים אידן פון יריד׳ן,

סוחרים ווי די בערן גרויס,
אַז עס שלאָגט פון זיי אַ שוויים;

זיצן מיט פאַרשוויצטע נעזער,
טרינקען בראַנפן פולע גלעזער,

עסן מיט אַ פולן מויל
ביז מען גענעצט זאַט און פויל.

אוּן מען שמועסט פון יריד׳ן,
מיט די ליולקעס און צופרידן.

און דער נאַר — ווי איינס מיט צוויי —
עסט מיט זיי און טרינקט מיט זיי.

און מען וויל די צייט פאַרטרייבן, —
שולדיג וועט מען דאָ ניט בלייבן;

— פייף אונז נאַר! זאָל פריילאַך זיין!
זאָל אונז ביז אין ריפּ אַריין!

און דער נאַר — ער פייפט שוין ווידער,
פייפט און פייפט די אַלע לידער

ווי אַ וואונדערליכע פּליט,
אַלע לידער פון דער נויט.

סוחרים גרויסע ווי די בערן,
זיצן טרויעריק און הערן,

קוקן צו דער האַרטער ערד,
קייען זיך די לאַנגע בערד,

און פאַרשעמט די קעפּ געבויגן
ווישן טרערן פון די אויגן,

אַז דאָס האַרץ פאַרגייט אין פרייד,
אַז עס נעמט זיי אָפּ די רייד.

קראַצט אַ סוחר זיך דעם שייטל,
שלעפּט אַרויס זיין גרויסע בייטל,

זוכט אַ גראָשן אָדער צוויי, —
און אַ צווייטער אויך אַזוי.

און דער נאַר — אַ נאַר ווי שטענדיג, —
שטייט און בלאָזט שוין ווי אַן ענדיק,

נעמט שוין קרייען ווי אַ האָן,
רייסט זיך אויפן העכסטן צאָן.

פרעמדע מענטשן מוזן לאַכן,
ווי ער טוט זיך נאַריש מאַכן:

אַך, דו נאַר, און אַך דו נאַר!
נאָר דעם קוימען גיי פאַרשפאַר!

נאָר זיי דאַרפן שלאָפן גיין,
לאָזן זיי דעם נאַר אַליין.

נאָר דער נאַר, — אַ יונג מיט ביינער,
שטאַלטנע ווי אַ בוים אַ שיינער,

און זיין שם איז דאָך פאַרשפּרייט
אין דער ווייט און אין דער ברייט!

זינגט-זשע קינדער אַלע פריילאַך,
פון דעם מלך אלי-מלך!

פון זיין טאָכטער מלא חן,
ווי די זיבן זונען שיין.

ווי די טאָכטער פון דעם מלך
האָט געמאַכט זיין עלטער פריילאַך!

וועלן מיר צום סוף דערפאַר,
זינגען ווידער פון דעם נאַר!

אַך, ווי קען מען זינגען פריילאַך,
אַז דער מלך אלי-מלך

איז אין טרויער און געוויין;
אַז זיין טאָכטער מלא חן,

טרויסט פּאַר זיינע אַלטע יאָרן,
ווי אַ טויב איז קראַנק געוואָרן!

ליגט אין בעט פון עלפנביין
ווי די זון וואָס דאַרף פאַרגיין,

ווי אַ שטערן אויסגעלאָשן,
אָפּגענומען האָט איר לשון,

ליגט די אויגן צוגעמאַכט
און פאַרשלאָסן ווי די נאַכט.

אין אַ לויטערן פרימאָרגן,
ווען פון וואָלקנדלאַך פאַרבאָרגן

אין איר פולן שיין און גרויס,
פון איר פוטער-פאַס אַרויס,

איז די זון אַרויסגעגאַנגען, —
איז די בת-מלכה געגאַנגען

שיין — נאָר מיט דער זון צוגלייך —
באָדן זיך אין שטילן טייך.

איז די זון אַרויסגעגאַנגען, —
איז די בת-מלכה געגאַנגען;

זיבן דינסטן גייען מיט,
היטן אירע שיינע טריט;

צוויי — צו פאָכען זי מיט פעכער,
צוויי — איר שלייער הויבען העכער,

צוויי — צו טראָגן איר דעם שלעפּ,
איינע — פלעכטן איר די צעפּ.

איז נאָר ווי זי שטעלט אַביסל
אין דעם טייך איר שיינעם פיסל, —

בלייבט זי שטיין און קען ניט גיין,
פאַלט ווי ווייסער מירמלשטיין, —

ווייל אַן אומגליק האָט געטראָפן:
ס'איז אַ ווינטל אנגעלאָפן,

גיט דעם וואַסערל אַ פיר,
און דער בת-מלכה אַ ריר.

איז די בת מלכה געפאַלן —
האָט די זון פארקערט די שטראַלן,

האָט דער טייך אין היילער שרעק
אויפגעציטערט ביז אין דעק.

הויבן אַן די דינסטן קלאָגן,
נעמען זי אין פּאַלאַץ טראָגן,

לייגן זי אין בעט אַריין,
דעקן זי אין זיידנס איין.

ליגט זי בלייך און אויסגעצויגן,
עפנט ניט די שיינע אויגן,

האַלט די ליפּן צוגעמאַכט
און פאַרלאָשן ווי די נאַכט.

ליגט און גוסס'ט... טאַקע, טאַקע?
יאָ, איר וואַקסט אין האַלז אַ מכה.

רופאים זיצן טאָג און נאַכט,
אין שפּאַקולן און פאַרטראַכט;

טראַכטן, קלערן, מאַכן תנועות,
מישן אַלערליי רפואות;

נאָר קיין תרופה איז ניטאָ,
ווערט נאָך לעבן דרייצן שעה.

שפּרעכער פון די אַלע עקן,
מעסטן מיט אַ קרומען שטעקן,

גיסן ריינעם וואַקס אין טעפּ:
— זאָל עס גיין אויף שונאים'ס קעפּ.

זאָל עס גיין אויף ווייטע טאָלן,
זאָלן מילן עס צומאָלן!

נאָר קיין תרופה איז ניטאָ.
ווערט נאָר לעבן דרייצן שעה.

ווי אַ וואָלקן הילט די שטראַלן, —
גרויסער טרויער איז געפאַלן

איבער אלי־מלך'ס לאַנד,
אויפן לאַנד פון ראַנד צו ראַנד.

קראַנק די בת־מלכה... אַ, טאַקע?
יאָ, זי גוסס'ט פון דער מכה.

און קיין תורפה איז ניטא;
וועט נאָר לעבן זיבן שעה.

גוים קלינגען אין די גלעקער,
טראָגן טראַנטעס אויף די פלעקער,

טראָגן פולע פאַנען רויך,
פּרעפּלען תפילות אין דער הויך.

אידן פאַסטן אָפּ תעניתים,
זאָגן תהילים, וועקן מתים,

רייסן קברים אומעטום,
און אין טרויער גייט מען אום.

און אין פּאַלאַץ זיצט דער מלך
אלי־מלך גאָר ניט פריילאַך!

גיט ער תיכף אַ באַפעל, —
ווערט מקוים אויפן שטעל: —

— זאָלן רייטער און שטאַפעטן
אויף די זאָטלען און קארעטן

דורך מיין לאַנד פון אָרט צו אָרט,
לויפן אָנזאָגן מיין וואָרט: —

— ווער עס וועט מיין טאָכטער רעטן, —
יענער דאַרף זיין שכר ניט בעטן, —

גיב איך אים מיין טאָכטער'ס האַנט,
און דריי פערטל פון מיין לאַנד!

לויפן רייטער און שטאַפעטן
אויף די זאָטלען און קאַרעטן,

דורכ'ן לאַנד, פון אָרט צו אָרט,
זאָגן אָן דעם מלך'ס וואָרט.

און ניט לאַנג האָט עס גענומען:
הויבן אָן אין פּאַלאַץ קומען

ריטער, בריות, קלוגע לייט,
און מכשפים פון דער ווייט.

יעדער וויל זיין גליק געפינען,
אַזאַ גרויס געווינס געווינען.

נאָר קיין תרופה איז ניטאָ.
זי וועט לעבן נאָר אַ שעה.

איז איין רייטער זיך געלאָפן
און האָט אונזער נאָר געטראָפן;

ווי ער האָט דעם נאָר דערזען —
זעט ער שוין וואָס יענער קען;

איז דער רייטער פייל פון בויגן
מיטן נאָר אַוועקגעפלויגן!

נעמט אַ רגע פון אַ שעה —
זיינען זיי אין פּאַלאַץ דאָ.

און דער נאַר — אַ יונג מיט ביינער,
שטאַלטנע ווי אַ בוים אַ שיינער.

נאַר אין שמאַטעס, שטיק אויף שטיק
און פאַרבונדן מיט אַ שטריק, —

שטייט אין פּאַלאַץ פאַרן מלך.
זעט ער אַז דאָ איז ניט פריילאַך,

און ער זעט שוין וואָס מען וויל,
לאָזט ער זיך ניט בעטן פיל,

שטעלט זיך אין זיין לענג אַנידער,
און ער פייפט שוין זיינע לידער

ווי אַ וואונדערלאַכע פליט,
אַלע לידער פון דער נויט.

און אין פּאַלאַץ גייט אַ ציטער,
הייטערט אַלעמענס געמיטער,

לייטערט אין דער טרער אַריין,
ווי קיין אומגליק וואָלט ניט זיין.

ווי אַ כישוף וואָלט געקומען
און מיט פרייד ארומגענומען,

און פון אַלעמען דער שרעק
נעמט ווי מיטן האַנט אוועק.

און די בת-מלכה אָן לשון,
ווי אַ שטערן אויסגעלאָשן, —

אויף איר איידעלן געזיכט
טוט אַ רויטל זיך אַ ליכט,

און אַ שמייכל פון די אויגן
ציטערט צאַרט ווי רעגנבויגן,

ווי זי רופט צו זיך דעם נאַר;
און איר הענטל בלייך און דאַר

קוים, קוים וואָס זי הייבט אָן רירן,
קוים, קוים מיט אַ פינגער פירן,

נאָר מען ווייס ניט וואָס זי וויל,
בלייבט זי ליגן ווידער שטיל.

און דער נאַר — אַ נאַר ווי שטענדיג, —
שטייט און בלאָזט שוין ווי אָן ענדיק,

נעמט שוין קרייען ווי אַ האָן,
רייסט זיך אויפן העכסטן צאָן.

כאָטש אין פּאַלאַץ איז ניט פריילאַך, —
לאַכן אַלע מיטן מלך,

און מען לאַכט, אַז ניט געדאַכט,
ביז דער גאַנצער פּאַלאַץ לאַכט.

און ווען אַלע לאַכן פריילאַך
מיט'ן מלך אלי-מלך,

איז די בת-מלכה אַליין,
ווי די זיבן זונען שיין,

פון איר הויכן בעט אַרונטער,
אירע באַקן — רויטער צונטער,

אַ געלעכטער שטיקט איר קול,
און — צולאַכט זיך מיט אַמאָל!

און — געפּלאַצט האָט דאָ די מכה...
אַזאַ וואונדער — טאַקע, טאַקע?

אַלע האָבן צוגעזען
ווי דער וואונדער איז געשען.

און די פרייד פון אונזער מלך,
פון דעם מלך אלי-מלך,

גאָר ניטאַ אַזוינע רייד
צו דערציילן יענע פרייד!

ווי די זון מיט אירע שטראַלן,
אַזוי איז די פרייד געפאַלן

איבער אלי-מלך׳ם לאַנד,
אויפן לאַנד פון ראַנד צו ראַנד!

שפּילט-זשע קלעזמער! פרייט זיך אַלע!
ווערט די בת-מלכה אַ כלה

און איר חתן איז דער נאַר,
ווייל פאַרדינט האָט ער דעם שכר!

זינגט-זשע קינדער אַלע פריילאַך
פון דעם מלך אלי-מלך.

פון זיין טאָכטער מלא חן,
שענער פון דעם מלך׳ם קרוין!

פון דעם נאַר וואָס האָט אַ כלה,
אַז פון שמחה טאַנצן אַלע!

און פאַר דעם און אויך דערפאַר,
זינגען מיר פון אונזער נאַר!

איז דער נאַר אַ יונג מיט ביינער,
שטאַלטנע ווי אַ בוים אַ שיינער;

גייט אין גאָלד שוין אָנגעטאָן,
זיצט שוין ביי דעם מלך׳ס טראָן;

לערנט זיך דאָס לאַנד צו פירן,
און צו חתמ׳ענען פּאַפּירן;

ווייל זיין וואָרט און זיין באַפעל
ווערט מקוים אויפ׳ן שטעל.

שפּאַנט מען גאָלדענע קאַרעטן,
טאַטע־מאַמע צו פאַרבעטן.

און — מען ברענגט דעם אָרימאַן
פונם שטיבל זיבן שפּאַן.

נאָר די נויט פאַרבלייבט אין שטיבל;
און די נויט פון גרוים פאַריבל,

אָדער גאָר פון בייזער שרעק —
בייסט זיך אָפּ דעם שוואַרצן עק.

און אַז טאַטע־מאַמע קומען, —
הויבן־אָן די קלעזמער ברומען.

און עס קומט אַרוים דער נאַר,
ניט קיין נאַר — נאָר ווי אַ האַר!

און מען גלויבט זיך ניט די אויגן —
ווי אַ וואונדער ניט געשטויגן, —

און מען קושט זיך און מען וויינט
און מיט פרייד איז מען באַלוינט.

און אַז טאַטע־מאַמע קומען, —
הויבן אָן די קלעזמער ברומען, —

הויבט די חתונה זיך אָן;
טאַטע־מאַמע אויבן־אָן;

גרויסע לייט און הויכע שררות
און קבצנים פון די נאָרעס,

טרינקען, טאַנצן קעפּ אויף קעפּ
און מען לעקט פון גרויסע טעפּ.

און דער מלך אלי־מלך —
טאַנצט אַ פריילאַכס: הלך! הלך!

טאַנצט מיט אָרים און מיט רייך, —
אַלע זיינען איצט מיר גלייך!

איך בין אויבן־אָן געזעסן,
האָב פון פולע טעפּ געגעסן,

האָב געטאַנצט, געטרונקען וויין,
ביז אין ווייסן טאָג אריין...

זינגט־זשע קינדער אַלע פריילאַך
פון דעם מלך אלי־מלך —

פון זיין טאָכטער מלא חן,
ווי די זיבן זונען שיין!

פון דעם נאַר וואָס איז געוואָרן,
וואָס אַ קלוגער האָט פאַרלאָרן!

זינגט־זשע אַלע פון דעם נאַר
ווי ער ווייס ניט פון קיין צער!

אינהאַלט

	זייט
אַ מעשה וועגן זיך	5
וואונדער	15
אַ מאָרגן ליד	16
דער מאַי	17
פרילינג	18
אַ זון מיט אַ רעגן	19
נאָך אַ רעגן	20
אַ לידל	21
זומער	22
שטורעם	23
דער שמעטערלינג	25
גאָט'ם בהמה'לע	26
אַן עפּל	27

זייט

דער האָדסאָן	28
ביים ים	29
דער ים אין לבנה-שיין	30
ווייסע פליגל	31
אַן אָוונטליד	32
אין אָוונט	33
פאַרנאַכט	34
אין קאַצנלאַנד	35
פרייד	37
דער בלינדער	38
אַ וויג-ליד	39
אַ אינגל	40
גלעקלאַך	41
אַ שליטן אַרויספאַר	42
אַ מיידעלע ביים קאַמין	43
דער פעטער שנייער	44
די ווינטער נויט	45
דער פאָעט	46
דער פייגעל	47
דער פוילענצער	48
אַ דייטש מיט אַ בייטש	50
אַ ליד פון אַ מאַמען	51

	זייט
א ליד פון ליין	53
בהמות	56
מיין אקער	57
א ליד פון אן ארעמען פויער	58
דער ציגיינער	59
דער עפּלבוים	61
דאס הינטל-הינד	64
צוויי אינגלאך	68
דער וואנדערער	72
צוויי	76
א שטילע לויה	77
די באבע	78
ר׳ שלמה דער וואסערטרעגער	80
אויפן שליטוועג	83
דער סוחר	86
זיבן אידן	91
אליהו הנביא	97
אליהו אין בית המדרש	100
אליהו דער קנעכט	102
אליהו גיט עסן די טויבן	106
דער קארגער	107
א ליד פון א נאר	129